פראפאגאנדע-קאמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אלדגיט, א.1.
יערן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יערן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע
רעפעראטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטעראַרישע און אלגעמיינע ענינים
וועגן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראל־סעקרעטאר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 30־טן יאנואר 8 אוונט
אין לאקאל פון
„בן-אורי" קונסט גאלעריע
14 פארטמען סטריט וו.1
נייע ביכער אין לאנדאן
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא־
ציעס און רעדעס:
די שוישפילערין דארא דימאנט, אייזיק
גאלדבערג, נעט רובין, מישה עובד און
י. ביעטש.
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY
CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels
26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מארריס מייער
די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין איירָאפּע.)

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 109) צענטער יארגאנג פעברואר 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט:

אין טאג ווען ס׳אויסדערוויילטע פאלק ישראל ווילט
די בלוי ווייסע פאן ........ ** 1
אנטימע כאראקטער בילדער פון מדינת ישראל פירער ........ ש. ערנסט 6
דוד בן־גוריון ........ (פאטא) 7
די נקמה פון אן אקס (המשך) ........ עבר הדני 12
אונזער „לשון קודשים" (לידער) ........ יוסף הלל לעווי 16
משיח׳ס נסיעות און נסיונות ........ משה עובד 20
די ווידוי פון ירמיהו הנביא (באלאדע) ........ א. נ. שטענצל 24
א שרייבער פון א גאנץ יאר (משה קליינמאן) ........ לעא קעניג 27
בערלין—מאסקווע—ירושלים ........ אליהו פאלושאק 30
זיי דארפן הענגען! ........ דוב ווארשאווסקי 34
אמעריקאנער נאטיצן ........ ד״ר יעקב מייטלים 39
מיינע זכרונות וועגן פרץ הירשביין ........ ד״ר מיכאל מילער 45
פרץ הירשביין און משה עובד ........ (פאטא) 46
די מיסטעריע פון שעפערישן ווארט (המשך) ........ י. י. ראפאפארט 47
איבער סאוויעטישע ליריקער (המשך) ........ ש. האלקין 49
„פאדליאשע אין אומקום" פון פייגענבוים ........ אלעגאריער 54
געשיכטע פון יידישער קונסט—ראזענאו ........ ל. שטיינמעץ־מיזלס 60
חסידישער טרונק בראנפן ........ יחזקאל נח ערליכמאן 61
יידישער וועלט קאנגרעס (באריכט) ........ 63
נאטיץ וועגן רעדאקציע ענינים ........ 64
מיטטיילונגען איבער די ייד. ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס ........ 64

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

# אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס
## אייראָפּעישע אויספיר־ביוראָ
(צירקולאַר)

צו אָרגאַניזאַציעס און פריינט פון יידישער קולטור!

דערמיט האָבן מיר דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, אַז די אייראָפּעישע אויס־פיר־ביוראָ פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס פונקציאָנירט שוין נאָרמאַל און איז צוגעטרעטן צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן, וועלכע עס האָט אָנגעצייכנט דער ערשטער, אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטענער קאָנגרעס, אין סעפּ־טעמבער 1948.

די צייטווייליקע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון דער אייראָפּעישער ביוראָ איז באַשטימט געוואָרן פון אַלע אייראָפּעישע דעלעגאַטן אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג אין ניו־יאָרק און באַשטייט פון פאָרשטייער פון אַלע לענדער, וועלכעהאָבן זיך באַטייליקט אינעם קאָנגרעס. עס זענען רעזערווירט געוואָרן עטלעכע פלעצער פאַר דייטשלאַנד און די ביוראָ האָט קאָאָפּטאַציע־רעכט.

די איצטיקע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט וועט פונקציאָנירן ביז דער אייראָפּעישער קאָנפערענץ, וועלכע מיר זענען פאָרויס אויף סוף אַפּריל פון הייַנטיקן יאָר. דעמאָלט וועלן אויך געוויילט ווערן די נאָרמאַלע אינסטאַנצן פאַר דער אייראָפּעישער אויספיר־ביוראָ.

מיר טרעטן צו אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער פון אונזער חודש־ביו־לעטין, וועלכער וועט דאַרפן דינען אַלס אינפאָרמאַטיווער פאַרבינדונגס־אָרגאַן פאַר יידישע קולטור־עניִנים. מיר בעטן אייך דעריבער אונז באַצייטנס צו־צושיקן ידיעות און מאַטעריאַלן, וועלכע קאָנען זיין אינטערעסאַנט פאַר אונזער ביולעטין.

מיר באַמיען זיך, אַז אין די אינטערעסן פון קולטור־קאָנגרעס זאָלן אונ־זערע פאָרשטייער באַזוכן אַ ריי לענדער. דער ערשטער באַזוך איז שוין גע־מאַכט געוואָרן פון פר. הערש מענדל שטאָקפיש אין בעלגיע.

מיר ליגן אייך פאָר זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָבן אַ ווירקלעכן אינטערעס פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און זיי צוציען צו דער אַרבעט ביים אָרגאַניזירן די לאַנד־אָפּטיילונג פון אייער לאַנד.

מיר טרעטן צו צו אַ גרויסער, צו אַ הייליקער אַרבעט. מיר זענען זיכער, אַז מיט געמיינזאַמע כוחות און דורך אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די יידישע ישובים פון אייראָפּע וועלן מיר דערגרייכן גאַנץ ממשותדיקע רעזולטאַטן.

מיר בעטן אייך רעגלמעסיק אונז אינפאָרמירן וועגן גאַנג פון אייער אַרבעט און וועגן אַלע געשעענישן אין דער יידישער קולטור־וועלט פון אייער לאַנד.

צוליב לאָקאַל־שוועריקייטן, בעטן מיר אייך אונז צייטווייליק צו שרייבן אויפן אַדרעס פון פאַריזער אַרבעטער־רינג.

דער סעקרעטאַריאַט
פון דער אייראָפּעישער אויספיר־ביוראָ.

פּאַריז, יאַנואַר 1949

110, Rue Vieille due Temple, Paris (3e). Cercle Amical pour Najman,

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 109) צענטער יאָרגאַנג פעברואַר 1949 לאָנדאָן


## אין טאָג ווען ס'אויסדערוויילטע פאָלק ווילט...

„ובחרת בחיים".

1

אין טאָג פון די וואַלן פאַרן ערשטן יידישן פּאַרלאַמענט אין ישראל, אין טאָג ווען אַ פאָלק, וועלכעס איז צוויי טויזנט יאָר נישט געציילט געוואָרן צווישן די פעלקער, — אַ חוץ פון זיי, פון די פעלקער, געציילט געוואָרן אונטער דער רוט, פאַר טויט און פאַר פאַרטיליקונג! — הייבט זיך שטאָלץ און הויך אויף ווי אַ הערקולעס, ווי אַ שמשון הגבור פון זיין שקלאַפישער דערנידרי־קונג, צו ווערן אַ פרייַ דעמאָקראַטיש פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, יעדע פּאַרטיי שטעלט פרייַ אַרויס זיינע רעפּרעזענטאַנטן, זיינע בעסטע מענטשן, זיינע כאַראַקטער פעסטע פערזענלעכקייטן, זיינע קלאָרע קעפּ, געהאַרטעוועטע פּני־מער אין שטורעם פון קאַמף און פון אַרבעט, — נאָר דעם כאַראַקטער קאָפּ ווי בן גוריון אַנצוקוקן, דעם פּאַרטיפּט־פּאָרטראַכטן, דעם געביילטן און גע־בערגלטן שטערן, ווי מיט אייגענע פויסטן אַ באַאַרבעטן, ווי פון בראָנז אַ גע־גאָסענעם, — אין דעם טאָג, ווען אין אונזערע שטילע תּפילה־הערצער הערט זיך ווידער יענער שטאָלצער ווידער־קול „היום נהיית לעם", האָט די ענגלישע פּרעסע, די דעמאָקראַטישע פּרעסע פון אַן אימפּעריע, קיין אַנדערן פּנים אין אירע צייטונגען נישט אַרויסצושטעלן, ווי פון עפּעס אַ פּסיכיש גייסטיקן דע־גענעראַט פון דעם זיבן־נעמענדיקן יתרו'דיקן סטענלי. —

אַט־זעט, הייסט עס, ווי אַ יידיש מחוצף־פּנים זעט אויס! נאַט אייך, קוקט אים אָן ווי ער שטייט דאָ אינם פּראַנט פון אַ צוויי־שפּאַלטיקן „קאָלום", פון אַן אָנגעזעענער, פיל געלעזענער צייטונג, מיט זיין פּלאַטשיקן שטערן און דעם טאָפּל־גוידער, דער יוד סטענלי (פון אַ געשיקטן פאָטאָ־רעפּאָרטער „גע־שטעלט" דירעקט פאַר דער לופּע צו אָפּפאָטאָגראַפן) און אָראָפּצעצו, דאַגעגן, וויזט מען דעם תּמימותדיקן (אַ וואונדער ווי אַזאַ תּם דערגרייכט צו אַזאַ קאַריערע) מיניסטער קאָפּ פון בעלטשערן מיט פאַרטאָפּלט הויכן שטערן, נאַטירלעך פּערספּעקטיוויש, ווייל אַ ביסעלע צו טיף אַראָפּגעבויגן בשעתן לעזן — דאָס הייסט שוין איינמאָל פאָטאָטעכניק־ציוויליזאַציע....

פון אַזאַ גויים נחת שמעקט שוין מיט „געבראָטענעם יודן־פליייש"! באמת די געבלס־שטרייכערישע פּרעסע, בשעתם, האָבן נישט קיין סך בעסער גע־מאַכט... און אויך געשמאַק צוגעגרייט, באַפּעפערט און באַווירצט האָט עס דער לאָנדאָנער ראַדיאָ־מיטטיילער: אַ גאַנצן גייענדיק טאָג און אַ גאַנצע גיי־ענדיקע נאַכט פונם וואַלן מעת לעת, ווען צענדליקער טויזנטער יידן האָבן

מיט האַרצקלאַפעניש געוואַרט צו הערן אַ פייערלעכן און פריילעכן זשעסט פון דער גרויסער און באַיאַרטער מלכות בריטאַניע צו דער קליינער און יינגער ישראל־מלוכה האָט עס ממש געסלינעט פונם ראַדיאָ־קעסטל מיטן „לינסקי וויס פעפער“.

אַז אַך און ווי מיט וואָסער פּראָפּאַגאַנדע מאַשין מ׳גייט שוין דאָ, אין דער מדינה, מאַכן ביזנעס! אויף אַזאַ קאַרט אַז מען זעצט, ליגט שוין אַלץ אפנים, פאַרזעצט אינם לאָמבאַרד....

עס איז גיכער אָנצונעמען, אַז אין אַזאַ אָנגעדרייטן פּאָטאָ־מאַנטאַזש און אין גאַרגרלדיקן דריי־אַרגל־קעסטל שטעקט מער ווויל־יינגערשע „לייבאַר“־חכמה ווי אַלט־קלוגע דורכגעטריבענע ענגלישע פּאָליטיק. עס איז, מסתמא אַזאַ ערשטע אַרויספּאַר, מיטן לינקן פוס, צו דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פאַר די קומענדיקע ענגלישע פּאַרלאַמענט־וואַלן, אָט־אָ דער לינסקי וויס־פעפער“ — האָט דען זיי, די לייבאַריסטן נישט געהאָלפן אַריינצוקומען אין דער רעגירונג „אַ...— וויס פעפער“, עליו השלום?

דאָס אַלץ דאָ דערמאָנטע זאָל נאָר דינען ווי אַ מין התראה צום נצחון־וואַל פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין ישראל: אַזוי, מישטיינסגעזאָגט, זעען אויס סאָציאַליסטישע פּאָליטיק־גאָלד־שפּינערס, ווען זיי ווערן קליקע, ווען זיי ווערן אַ מיטל צו אַן עפּעס, אַזאַ פּנים באַקומען קעמפערס פאַר דער גרויסער און הייליקער סאָציאַליסטישער אידייע, ווען זיי, די רעפּרעזענטאַנטן, די אויסדערוויילטע פון די דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאַסן, ווערן אַליין פאַרוויקלט אינם נעץ פון די גאָלד־פעדעם; זיי די שלוחים פונם פאָלק, ווערן גאָר די שליחי לדבר עבירה.

2

די אַמאָל מעכטיקע דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווי פּחדנות־דיק, ווי רעזיגנירט, אָן יעדן קלענסטן סימן פון קאַמף האָט זי זיך דאָס אונטערגעגעבן אין יאָר 1933. זייער צערמאָניאַלער שטילער, רעזיגנאַציע־מאַרש דורך די גאַסן פון בערלין, דעמלט — —זיי האָבן מסתמא אָפּגעציילט מיט זייערע פינסטערע טריט די 6,000,000 ראַסן־פרעמדע יידן, פאַר געוויסע אָפּמאַכונגען מיט זייערע היימישע ראַסן־ברידער, די נאַציס. . .

און נישט מיט ווייניקער שטוינונג און מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט קוקט זיך די וועלט שוין צו איבער צוויי יאָר צו דער בעווין־ פּאָליטיק פון „קאַמראַד־ערנסט“, וועלכער האָט געוואָלט, — און וויל נאָך מסתמא ווייטער, — פאַרשאַכערן אַ לעצטן שאַנס פון אַ געשלאָגן פאַרטיליקט פאָלק, וואָס זייער יתר־הפּליטה האָבן, מיט רעשטלעך געבליבענעם לעבן, אַרויסגעראַטעוועט פון ברענעדיקע קרעמאַטאָריום׳ס און מיט זייערע ברענענדיקע אויגן ווילן זיי זען מקוים ווערן די וויזיע פון זייערע נביאים — —

אַזוי זעט אויס אַ ווינסשאַפטלעכער סאָציאַליזם, ווען ער גייט אַוועק פון זיינע עטישע יסודות, ווען ער פאַרלירט די הייליקע וויזיע; אַזוי זעען אויס די אויסדערוויילטע פון די גלויביקע פאָלקס־מאַסן, ווען זיי, די פירער, זיינען



נישט עומד בנסיון, ווען זיי פאַרלירן זיך און פאַרלירן די אחריות פאַר דער גרויסער און הייליקער זאַך; אַזאַ פּנים באַקומט אַ סאָציאַליסט פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ יוניאָן־אַפּישל, אַ געווערקשאַפט־אָנגעשטעלטער, ווען פּעטראָליום־אייל אין נאָענטן מזרח ווערט זיין גרויס־מסחר.

זאָל דאָס זיין אַן התראה אַן ס.אָ.ס.־וואָרענונג, אַ מוסר־השכל פאַר די אויסדערוויילטע פון די פאָלקס־מאַסן אין ישראל, פאַר די אויסגעקליבענע־אַרבעטער שליחים, וואָס קלייבן זיך איבער צו נעמען די מאַכט אין דער יידישער מלוכה; זאָל דאָס זיין אַ שטיקל לעקציע, אַן אָפּלערנונג, ווי פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע סאָציאַליזם זעט אויס אַן דעם גרויסן עטישן יושר־באַגריף פון אונזערע נביאים; וואָס פון אַ טיפער אידייע קאָן ווערן, — ווי אויבער־פלעכלעך־געשעפטלעך!—ווען מ׳טראָגט נישט אין זיך דעם שטאַרקן כוח פון אחריות און נסיון. אַלע גרויסע טעאָריעס, אַלע וואונדערלעכע רייד און פּלאַמיקע רעדעס זיינען פּלעוועס אינם ווינט, ווען דאָס קערנדל פון יושר איז נישט פאַרזייט טיף אין האַרצן, אַז נאָר צוזאַמען דערמיט אַרויסגעריסן צו ווערן —

און ווער ווי זיי, טאַקע, אונזערע יידישע רעפּרעזענטאַנטן אין ישראל, וואָס נאָר אַ דאַנק אונזערע נביאים, וואָס זייערע צוגעזאָגטע רייד זיינען מקויים געוואָרן און מיר קערן צוריק אין אונזער לאַנד און מיר ווערן אַ פריי פאָלק צווישן פרייע פעלקער, מיט אייגענע אויסדערוויילטע, מיט מלוכה־מענער; ווער מער ווי זיי, — דער פּראָדוקט פון דער יידישער נבואה! — זיינען פאַרפליכטעט צו האַלטן און אויסצופירן דאָס שליחות פון אונזערע נביאים, צו גרינדפעסטיקן די יסודות פון יושר און צדק, פון משפט און רחמים.

זיי, אונזערע אויסדערוויילטע, וואָס זיינען דאָך דער לייבהאַפטיקער סימן פונם „אחרית הימים“, זאָלן זיי אויך זיין דער נס לגויים, און מענטשלעכקייט קאָן רעגירן אין אַ לאַנד, קאָן הערשן צווישן די מענטשן, נישט אַ בייזע מאַכט פון באַהערשן און פאַרשקלאַפן.

ווי צום מבין, ווי צו אַ מזומן מוז יעדער אָנגעציילטער יחיד זיין אַ וויכטיקער און חשובער טייל אינם ציבור, אינם גאַנצן כלל, אַן יעדן איינעם אַז ס׳פעלט נאָר איינער, אַ מינדסטער, איז די תפלה פונם שליח־ציבור אַ תפלת־שוא, איז די ברכה פונם בענטשער אַ ברכה לבטלה, וואָרים נאָר דעמלט איז ערשט חל די ברכה אויף אַ קאָלעקטיוו, ווען יעדער איינער אינדיווידום, ווערט אַ נפש אחת מישראל, אַ וויכטיקער און חשובער טייל פונם גאַנצן פאָלק, איז עס אַנדערש מוז עס חלילה זיין אַ קללה, קומט אַ מגפה, חלילה, איבער אַזאַ מחנה — און מיר ווילן בלייבן אַ פאָלק, אַ גוי קדוש צווישן די פעלקער, דאָס הייליקע אויסדערוויילטע פאָלק ישראל.

זאָלן דאָך די צוויי טויזנט יאָר גלות צווישן די אומות העולם נישט בלייבן די אָפענע וואונד אונזערע, — די פאַרשאָלטענע מכה אונזערע און דער וועלטס — אַ נישט פאַרהיילטע און אַן אייביק אייטערדיקע, נאָר זיי זאָלן זיין די רפואה פאַר דער מכה — די היילונג פאַר אַלע פעלקער, די ברכה פאַר דער גאַנצער וועלט.

**3**

די מיטאָמאָל פריינטלעך געוואָרענע ענגלישע פּרעסע צו ישראל, קאָן זיין קומט, אפשר, פון עפּעס אַן אַנליופנדיקן פּאָליטישן ווינטל, וואָס ציט אָן פון יענער זייט אָקעאַן, וואָרים זי, די פּראָפּאַגאַנדע פּרעסע, שטייט דאָך נאָך אַלץ אויפן ענגליש־גאָטישן פּאַרלאַמענט, ווי דאָס הענדל אויף אַ קאַטוילישער קירכע און דרייט זיך כסדר אין ווינט... אָבער ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פלוצלונגדיקע ענדערונג, זאָל באמת זיין די עפנטלעכע מיינונג פונם ענגלישן פאָלק, — פון קול עם! — וואָרים סוף כל סוף איז לאָנדאָן דאָך די מוטער פון די דערמאָקראַטיעס. און אין שעה פון געפאַר, — און ווען אפילו אין דער פאַרשפּעטיקטער 13־טער שעה! — כאַפּט זיך ס'פאָלק דאָך אויף און זאָגט הויך און שטאָלץ זין מיינונג. איז עס דאָך אַזוי געשען אינם יאָר 1939, ביים אויסברוך פון דער וועלט בלחמה — דער איינגעשלעפענער. פאַרנעפּלטער אינסטינקט פונם ענגלישן פאָלק וואַרט־אויס, וואָרט־אָפּ, אָבער פאַרשפּעטיקט, אפנים, קומט קיינמאָל נישט!

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס פאָלק האָט דערשפּירט די געפאַר פון האָבן אַן אויסנמיניסטער, אַן עקצענטריק, וועלכער איז צופיל באַשעפטיקט מיט דער קליינער יידישער מלוכה; אַ מיניסטער, וועלכער איז אַזוי שטאַרק פאַרקאָכט מיט ישראל, אַזוי אַוואַנטוריסטיש־האַזאַרדיש, קאָן אַמאָל פאַרזען, ווי בשעת מעשה צעקריכט זיך אים מיט אַמאָל, — ממש פון אונטער דער נאָז! — די גאַנצע גרויסע ענגלישע אימפּעריע —

וואָלט דען נישט היטלער געוואונען די וועלט־מלחמה — טראַכט זיך דער מענטש פון גאָס — ווען ער וואָלט זיך נישט געווען אַזוי אַריינגעלאָזן מיט זיין גאַנצער נאָז אין דעם ראַסן־פּראָבלעם, און עס דורכאויס און דווקא געוואָלט לעזן מיט דער יידן־ליקווידאַציע? אַז זיין סטראַטעגיע מ'שטיינסגעזאָגט איז געוואָרן דאָס יידישע געטאָ, טאָ ווי אַזוי האָט ער געקאָנט באַזיגן דאָס גרויסע סאָוויעט רוסלאַנד?

עס קאָן באַשיינפּערלעך זיין, אַז די עפּנטליכע מיינונג אַצינד, בנוגע ישראל, איז דער אמתער קול העם און עס איז טאַקע דער קול שדי, אָבער מאָדנע איז עס דאָך. און אַ ביסעלע ווערט עס קאַלמוטנע אויך אויפן הארץ. וואָס תמיד קומט ערשט דער איידעלער מענטש פון גאָס. ווען דאָס פאָלק זעט אַז זיין ליבער העלד איז אַ פאַרשפּילטער....

אף על פי כן קאָן די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג צופרידן זיין מיטן אויסגאַנג פון די וואַלן אין ישראל. פון זייער דעמאָקראַטישער זייט קאָן יעצט נישט קומען דער געשריי: „פשלתים עליך ישראל“: קאָמוניזם, סאָוויעט־רוסלאַנד!

אַצינד, ווידער צוריק אויסדרייען דאָס פרעסע פּראָפּאַגאַנדע פענדל וועט שוין זיין אַ ביסל שווערלעכער, די ענגלישע מלוכה וועט מסתמא באַלד בקרוב אַנערקענען ישראל. אָבער גאַנץ זיכער, — ווי מיטן טויט־; — איז מען דאָך נישט, וואָרים קיינן „געניאַלע“ איינפאַלן פון שונאי־ישראל איז קיינמאָל קיין פאַרזיכערונג נישט פאַראַנען געווען. און עס איז היינט אויך נאָך נישט דאָ;



דאָס זיינען שוין „העכער“ קאָמפּליצירטע ענינים, וואָס האָבן צו טון מיט ספּיריטואַליסטישע זאַכן, וואָס גראַמט זיך צומאָל: סאַדיזם מיט סאָציאַליזם.

מילא, דעם יידן־נחת אינם וואָל־טאָג מיט „לינסקי־ווייס־פּעפּער“ בין איך זיי מוחל! (כ'בעט מטעים צו זיין דעם זיי.) נאָר יענע פרומע „זייניסטן“ אין לאָדנאָן, וואָס האָבן נעבעך געוואָרט אַ גאַנצע וואָך נאַכט און צומאָרגנס נאָך אַ גאַנצן קוואָל־טאָג ביים ראַדיאָ־קעסטל אַרויסצוקריגן דעם „דע פאַקטאָ“ מיט האַניק, כדי צו מאַכן איבער אים זייער פרומען שהחיינו, ווי די פרומע ירושלימער יידן ביים אַריינוואַרפן זייער גומערירטן צעטל אינם וואַל־קעסטל. יענע בריטישע פרומע פאַטריאָטן, טוט מיר באמת זייער לייד, ווייל זיי האָבן, נעבעך, במחילה פאַרגעסן, אַז אַ חוץ „זייאַניסטן“, וואָס האָבן שוין זייער אייגענע וואַלן אין „איזראַעל“, זיינען מיר נאָך אַלץ, צווישן די אומות העולם. צומאָל צווישן די חסידי אומות העולם, דאָס אייביק אויסדערווילטע פאָלק ישראל.

* * * * *

דאָס לייטאַרטיקל וועל איך שוין אָפּדרוקן אַזוי ווי ס'איז מיר אַרויס פון דער פען, אָן שום שנויים, כאָטש אַ שטיקל שינוי לטובה איז אין בינו לבינו... גייענדיק צום דרוקן, דעם 29־טן יאַנואַר יאָ געשען: ענגלאַנד האָט שוין מיט מזל אַנערקענט ישראל! וואָרים קודם כל איז דאָס לייטאַרטיקל, ווי געזאָגט, גאָר אַ פאַרמאַסקירטער מוסר השכל פאַר אונזער ישראל אויסדערווילטע, און נישט קיין וואָכנדיקער לייטאַרטיקל חלילה אויסצעמוסרן ענגלישע „עם־פּי־ס“.

והראשית האָלט איך מיך גאַרנישט פר אַזאַ לייט, אַז איך בין קאַפּאַבעל־אָנצושרייבן אַ ווירקלעכן פּאָליטישן אַרטיקל, ווייל פּאָליטיק בזמן הזה האָט דאָך מער צוטון מיט עקאָנאָמיע, ווי מיט שכל הישר. וואָרים, באמת, על פי שכל הפּאָליטיקע, וואָלט אַ מדינה, וואָס לעבט פון אַ מאַרשאַל־פּלאַן, געמעגט מאַכן מער עקאָנאָמיע, און מאַכן פון ביידע, פונם „דע־פאַקטאָ“ און „דע־יורע“ איין חתונה, — נישט ערשט צו ברעכן טעלער אויף אַ תנאים־דע־פאַקטאָ.

אלא מאי, עס איז אַ שטימונגס זאַך פון אַ לידער־שרייבער. (נישט צו פאַרטוישן מיט אַן ענגלישן „לידער“־שרייבער, כ'מיין פשוט פון אַ לידל־שרייבער) אין טאָג, ווען ס'אויסדערווילטע פאָלק ווילט, ס'איז דאָך אַלץ אַזאַ שטימונג ווי אַ לידל איבער אַן אויסדערווילטע... דאָס ביסל „גיפט“ וואָס שטעקט אין דעם גיפטיקן „לידער“... איז מסתמא אַראָפּגעלאָטכנט פון טאַלאַנט פון אַ נישט דערשריבענעם לידל — — —

אַ כלל מזל טוב, מזל טוב, אין אַ מזלדיקער גליקליכער שעה! און וואָס איך האָב געטראַכט הייאָר און פאַר צוויי יאָר, זאָל אויסגיין צו אַלע יידישע שונאים'ס קעפּ — — — אפנים, די שמחה, וואָס ענגלאַנד האָט, סוף־כל־סוף אַנעקענט ישראל האָט מיר שוין דעם קאָפּ אינגאַנצן צעמישט, און ענגלישע גוטע ווערטער מישן זיך שוין אין מיין „לידער“. דאָס האָט מען פון דער פריינטשאַפט פון פרעמד פעלקער — שפּראַך־אַסימילאַציע! וועל איך שוין בעסער דעם נישט פאַרענדיקן „והשנית“ פון היינט לייטאַרטיקל, באַהאַלטן אויף אַ צווייט מאָל — אויף שמחות ביי יידן! און ערשט דערמלט אַרויס מיטן אמתן לידער, כ'מיין מיט די אמתע לידלעך. און זאָל מיין ערשט לידל איצט זיין;

## די בלוי-ווייסע פאָן

(בשעתן אויפציען אויף דער ישראל לעגאַציע אין לאָנדאָן)

אַזוי זיידן בלוי, אַזוי אַטלאַס ריין,
פון אַזויפיל בלוט זי אַרויסגעצויגן — — —
ממש, אַז עסווילט זיך גאָר נישט גלויבן,
די אייגענע אויפגעריסענע אויגן.

איז קיין איין בלוט פלעק טאַקע נישט צוזען?
הערן מיינע בליקן נישט אויף צו בלאַנקן;
אַ חוץ אַז אין די מילאַירדן טרערן,
אַזוי קלאָר בלאַנק געוואַשן און געשוואַנקען.

ווי אונטער טלית עם כל הנערים,
שטיי איך צונויפגעדריקט, שטיל איינגעבויגן;
אַז מיינע אויגן זאָלן נישט טרערן,
קוועטש איך צוזאַם מיינע גליאיקע אויגן.

אָבער קאָן מען דען איינהאַלטן טרערן,
ווען דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון אַ כליפּן?
און כ׳הער דאָס פלאַטערן פון פאָן אין ווינט,
ווי „מלאך הגואל“ פון פרומע ליפּן — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —“

אַזוי זיידן בלאַנק, אַזוי אַטלאַס קלאָר —
פון ווייס־אַפּלען בלוי־בליקנדיקע אויגן;
זע, בלוטיק רויט קאָן זי אויפפלאַקערן,
ווייל פון אַזויפיל בלוט אַרויסגעצויגן.

---

### ש. ערנסט

## אינטימע כאראקטער-בילדער פון מדינת ישראל פירער

(אַ ריי פּערזענליכקייטן, וואָס שפּילן די הויפּט־ראָלע אין יידישער מדינה)

אין דעם איצטיקן אויפבויז פון דער יידישער מדינה אין א״י מערקט זיך די דערשיינונג ווי אַזוי מיט׳ן שטראָם פון די געשעענישן זיינען אויפגעקומען אַ ריי פון מנהיגים, וואָס שטייען אין פאָדערגרונד פון דער עפענטליכקייטן אַלס מיניסטאָרן און אַלס דיפּלאָמאַטן.

די צייט איז איצט שטורעמדיק און דער ישוב שטייט פאַר שווערע און פאַרצווייגטע אויפגאַבן, וואָס פאָדערן מוטיגע קעמפער און אַזעלכע זיינען איצט טאַקע פאַראַן אין יידישן לאַנד.



### 1. דער פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון.

איינגענטלעך פאַרנעמט ער צוויי פּאָסטענס, אַ חוץ פרעמיער מיניסטער איז ער אויך דער זיכערהייטס מיניסטער. ער איז אַזוי אַרום דער סאַמע נערוון צענטער פון דער נייער געשאַפענער יידישער מדינה.

ער שטאַמט פון אַ פּוילישׁ שטעטל פּלאָנסק, וואו ער איז געבאָרן אין 1886.



צווישן די פּלאָנסקער יונגעלייט, וואָס האָבן אויסגעוואָנדערט קיין א״י מיט 40 יאָר צוריק פון פּוילן, איז אויך געווען דוד בן־גוריון (דעמאָלט האָט מען אים גערופן דוד׳ל גרין). שוין דעמאָלט האָט ער פאַרמאָגט די אייגענשאַפט צוציען צו זיך מענטשן. וועגן וואָס מען האָט נישט גערעדט האָט ער געהאַט זיין אייגענע מיינונג.

ער איז דעמאָלט געוואָרן אַ פּועל און אַ שומר אין די וויינגערטנער און פּרדסים פון יהודה און אויך אין די קאָלאָניעס פון גליל העליון והתחתון.

אין יאָר 1910 הייבט ער אָן צו רעדאַקטירן די פּראָלעטאַרישע וואָכנ־שריפט „האחדות“, וואָס גייט אַרויס אין ירושלים. דאָ האָט ער צוגעצויגן אַ ריי שרייבער און ער האָט געזוכט צו פאַראייניקן דעם ריטם פון דער אוראַלטער וויזיע פון העברעערטום מיט׳ן טעמפּאָ פון איצטיגן לעבן פונם חלוץ. אַ חוץ בעלעטריסטישע שאַפונגען האָט זיך אין ה„אחדות“ אויך געדרוקט די פּובּליציסטישע אַרטיקלען פון י. ח. ברענער, און בן־גוריון אַליין האָט דאָ אויך אָפּגעדרוקט זיינע קערענדיקע אַרטיקלען.

אין יאָר 1913 טרעפן מיר אים שוין אַלס סטודענט פון יוריספּרודענץ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס ציט אים דוקא צו באַקומען אַן „אַטעסטאַט“, לאַז זיין

פון אַ טערק, אַבי צו ענדיקן אָן אוניווערזיטעט.

וועגן זיין שטודירן אין טערקיי גייען אום ביז איצט פאַרשידענע נסחאות איינער פון זיי איז אַז בן־גוריון האָט פאַר קיינעם נישט אַזאַ דרך־ארץ ווי פאַר אַ ייד, מיט אַ „דיפּלאָם". דיפּלאָמירטע — זאָגט מען — האָבן אַ שאַנס זיך צו עפּיס צו דערשלאָגן ביי אים אין דער „קריה".

בן־גוריון איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספרים. ער קויפט אויך איצט זער אַ סך ביכער ווי אַ יונגער משכיל. און אין זיין פרייע צייט קענט איר אים טרעפן אין די פאַרשידענע בוכהאַנדלונגען וואו ער זוכט ביכער צו דערגאַנצן זיינע קאָלעקציעס. דערהויפּט האָט ער גרויסע זאַמלונגען אַרום אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו א״י און צו די אָריענטאַלישע לענדער.

אויפן בילד ווי ער שרייבט אונטער אויף דער פּראָקלאַמירטער דעקלעראַציע וועגן די נייע יידישע מדינה זעט איר זיין ערנסטקייט. מיט אַזאַ ערנסטקייט שרייבט ער בכלל. ס׳רוב שרייבט ער אויף קליינע בויגעלעך פּאַפּיר, וועלכער דער „בחור הזעצער", דאַרף זיי צוזאַמענלייגן. דאָס כתב זיינס איז געפּערלט.

ער האָט ליב געזעלשאַפט, שעהן לאַנג קאָן ער אַרומשפּאַצירן מיט געלערטע און ריידן מיט זיי וועגן די פאַרשידענסטע געביטן פון דער וויסענשאַפט, ער נעמט געוויילעך אָן געאַרעמט אַ פּראָפעסאָר פון דער אוניווערזיטעט און ער אונטערהאַלט זיך מיט אים וועגן זיין פאַך.

ער איז אויך געווען אַ מיליטערמאַן אין פריערדיקן קריג אין יידישן לעגיאָן און איצט מלחמה־צייט איז זיין קאָפּ שטענדיק פאַרנומען מיט מיליטערישע ענינים.

ער פאַרנעמט זינט ענדע פריערדיקן קריג דעם אויבן־אָן אין הסתדרות, וועמענס גענעראַל־סעקרעטאַר ער איז פון 1921 ביז 1933 ווען ער ווערט אויסגעקליבן אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַגענץ.

ער איז דער אומערמידלעכער שמידער, וואָס זעט פאַר זיך אין זאַך דעם גרויסן ציל און די וויזיע פון אַ יידישער מדינה. צום דאָזיקן ציל איז ער דערגאַנגען ווי אַ געניטער שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס פירט זיין שיף דורך די צושטורעמטע אָקעאַנען.

דער שוואַרצער קאָפּ האָט אין די לעצטער יאָרן געביטן די פאַרב און איז ביסלעכווייז גרויליך געוואָרן, אָבער די בלויע אויגן טראָגן אין זיך אויך איצט זייער יוגענט פייער און יוגנטע חלומות ווי אַמאָל און זיין ענערגיע איז געוואַלדיק גרויס, ער איז שטענדיק ריערווריק, ער איז פול מיט התלהבות און בעת עס רעדט זיך וועגן דער ליכטיקער צוקונפט פון פאָלק אין יידישן היימלאַנד ווערן זיינע אויגן אָנגעצונדן מיט פייער. ער איז אויך פול מיט טעמפּעראַמענט בעת ער רעדט צו די ברייטע מאַסן.

ער איז נישט עלאַסטיש און נישט נאַכגיביק, אָבער אַלע גיבן עס צו — אַזוי דאַרף זיין אין אַזאַ שווערע צייט ווי איצט דער מאַן וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג פון מדינת ישראל.



## 2. משה שערטאָק, ערשטער יידישער אויסערן מיניסטער אין מדינת ישראל.

שערטאָק׳ן איז שווער צו כאַראַקטעריזירן, ווייל כאָטש ער איז סך־הכל אַ בן חמשים טראָגט ער אָבער אויף זיך אַ משא פון אַ סך אויפטוען.

געבאָרן אין יאָר 1895, אין חערסאָן, אוקריינע, קומט ער יונגעלווייז קיין יפו, וואו ער שטודירט אין דער הערצליה־גימנאַזיע. ער שטודירט שפּעטער צוזאַמען מיט בן־גוריון יוריספּרודענץ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין די יאָרן 1915־1918 דינט ער אין טערקישן מיליטער, און שפּעטער ווערט ער ביים „ועד הצירים" אַ „ספּעץ" אויף אַראַבישע אָנגעלעגנהייטן.

ביי שערטאָקן דערקענט איר אויף יעדן שריט און טריט דעם איינפלוס פון זיין דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען ביים טאַטן דעם בילו׳יעץ.

ער איז אויסגעבונדן מיט די אַראַבער, וועלכע ער קאָן גוט פון זיין קינדהייט אָן, ווייל נאָך אין יאָר 1906 האָט זיך זיין פאָטער באַזעצט אין אַן אַראַביש דאָרף אין די בערג פון שומרון. זיי זיינען געווען די איינציקע יידן אין דער גאַנצער אַרומיקער געגענט. דער יונגער משה, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר, האָט געהאָלפן דעם פאָטער מיט דער אויפזיכט איבער די אַראַבישע אָנגעשטעלטע, די אַליון־ביימער, די שאָף און בהמות.

אויב דער יונגער משה האָט אין יענע צוויי יאָר וואָס ער האָט אַרויסגעהאָלפן זיין פאָטער ניט באַוויזן צו קריגן אַ פאָרמעלע דערציאונג, האָט ער זיך אָבער זייער פיל געלערנט וועגן דעם אַראַבישן לעבן. די אַראַבישע אומבונג און שפּראַך, אַראַבישע אויפפאַסונגען פון לעבן, און דער צו נאָך האָט ער געקראָגן זיינע ערשטע לעקציעס אין „דיפּלאָמאַטיע" מחמת אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו פאַרטרעטן די שערטאָק משפחה ביי אַראַבישע חתונות, לוויות, יום טובים און ענלעכע פייערונגען ביי די אַראַבער פון דער געגענט.

אין 1909 האָט די שערטאָק פאַמיליע זיך אַריבערגעקליבן אין אַ פאָרשטעטל פון יפו, אין אחוזת־בית, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער גרויסער יידישער שטאָט תל־אביב. משה שערטאָק איז אַזוי אַרום געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער מאָדערנער תל־אביב.

שערטאָק איז אויך געווען איינער פון די ערשטע סטודענטן אין דער נייעטאַבלירטע הרצליה גימנאַזיע און ער איז טאַקע געווען אין דעם ערשטן קלאַס צו גראַדואירן פון הרצליה אין 1913. ער איז איצט אַלט געווען פונקט 18 יאָר און האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ תכלית. אין יענע יאָרן זיינען שוין געווען אַ גרופּע יונגוואַרג וואָס האָט געוואָלט צו חלומען פון דער צייט ווען עס וועט אויפגעבויט ווערן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א״י.

ער איז טאַקע דערפאַר טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן לאַנד דורכגעדרונגען טיף מיט פּיאָנערן־גייסט און ער האָט זער טיפע וואָרצלען אין דער יידישער קולטור.

ער פלעגט פאַרברענגען לאַנגע חדשים צווישן די אַראַבער אין די דערפער. וואו ס׳איז געווען אַ סכסוך צווישן יידן און אַראַבער פלעגט מען שערטאָקן רופן אַלס אַ בורר.

ווי אַ טרוימער פֿאַרמאָגט שערטאָק אויך וויזיע און שוואונג. ער גלויבט אין מענטשן און ער זוכט באמת מיט אַלע כוחות אַ בריק צווישן אונז און די אַראַבער, און אַלס אויסערן־מיניסטער טוט ער וואָס ער קאָן די דאָזיקע בריק צו שאַפֿן, נישט קוקנדיק אויף די מיינונגען פֿון די עקסטרעמע פירער פֿון „ארגון" און „לוחמי חירות ישראל", וואָס ווילן ערֿאָבערן אויך דעם עבר־הירדן.

3. הרב י. ל. פישמאַן.

אַ גייסט פֿון לומדות שוועבט איבער דעם דאָזיקן מאַן, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן אין מדינת ישראל.

אַ געבוירענער אין אונגעני בעסעראַביען, פֿאַרמאָגט ער די רחבות פֿון בעסעראַביער ייד. ער איז באמת אַ גאון אין בקיאות, ער האָט געניאַל דורכ־געדרונגען די תלמודישע ליטעראַטור, איז אַ בן־בית אין די מדרשים, די גאונים ליטעראַטור, ער איז אָבער אויך בעהאַוונט אין פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטן.

בעת גלחים זיינען געקומען צו אים אין נצרת און געפֿאָדערט זייערע רע־ליגיעזע הצטרכות'ן, האָט ער אַרויסגעוויזן בקיאות אין דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָגיע.

ער האָט געמאַכט ביים אונטערשרייבן די דעקלעראַציע וועגן דער יידי־שער מדינה די ברכה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" און אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן געענטפֿערט אויפֿ'ן קול אינאיינעם „אמן".

4. דוד רמז, מיניסטער פֿאַר פּאָסט־וועזן און קאָמוניקאַציע.

ער איז באַקאַנט אַלס פּעאיקער און באַגאַבטער אָרגאַניזאַטאָר און ער האָט הינטער זיך אַ קאַלירפֿולע פֿאַרגאַנגענהייט. ער איז איצט 60 יאָר אַלט. איז געבאָרן אין קאַפּוסט, פֿון דער יוגענט אַ חב"ד'ער חסיד, פֿאַרמאָגט ער די התלהבות פֿון חסידים. פֿון יאָר 1913 איז ער אין א"י, געאַרבעט אין באר־טוביה שפּעטער אין זכרון־יעקב.

דעם איינדרוק וואָס ער מאַכט מיט זיין אויסזען איז אימפּאָזאַנט, ער רעדט זער לאַנגזאַם, ממש ער ציילט יעדעס וואָרט. ער איז זער העפֿלעך צו גרויס און קליין און איז זער באַליבט אין די אַרבעטער קרייזן.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס העברע־אישער דיכטער אין „שחרית" וואָס איז אַרויס אין יאָר 1913 אין אַדעס. שפּעטער איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער וואָכנשריפֿט „קונטרס", וואו ער פֿלעגט שרייבן זיינע וועכנטליכע נאָטיצן.

זייענדיק אַ כלל־טוער געפֿינט ער פֿונדעסטוועגן אויך צייט פֿאַר ליטעראַ־ריש־וויסנשאַפֿטליכע אַרבעטן. אַ חוץ זיינע שענע לידער אין חודש זשורנאַל „השלח" האָט ער אויך רעדאַקטירט דעם זאַמעלבוך „סולל ובונה" און צוזאַמען מיט ח. נ. ביאַליק האָט ער אויך רעדאַקטירט אַ טעכנישן ווערטערבוך.

איצט וואָגלט ער אַרום איבער דער וועלט בכדי צו פֿאַרבינדן א"י מיט די פֿאַרשידענע לענדער.



5. יצחק גרינבוים, אינערן מיניסטער פֿון מדינת ישראל.

גרינבוים איז באַוואוסט נאָך פֿון פּוילן ווי דער מאַן פֿון אַרבעט. ער איז שטענדיק פֿאַרנומען און זעלטן ווען לאָזט ער זיך מיט עמיצן אַריין אין אַ וואָסערעס איז געשפּרעך. די צייטונגס־מענטשן קאָנען אים אויך שווער פּאַקן.

דער נאָמען גרינבוים זאָגט אַ סך פֿון אונזער טראַדיציע פֿון פּוילן.

ער איז אויך אַ פּובליציסט, ער שרייבט שנעל, אָבער זער קערענדיק. ער שרייבט אויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר לאַנגע קיילעכדיקע שורות. מלחמה־צייט בעת עס איז אַרויס די טעגלעכע צייטונג „הזמן" אין תל־אביב, פֿלעגט ער שרייבן אַלע טאָג.

די וואָס קאָנען אים נאָך פֿון וואַרשע דערציילן, אַז ער האָט זיך נישט געביטן און נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט אין זיין ביוראָ גייט ער נאָך אויף זיצונגען פֿריש און מונטער, גלייך ווי איצט ערשט אָנגעהויבן די אַרבעט.

ער איז גראַדליניג אין זיינע אַנשויאונגען, פֿרייגעזאָנען האָט ער אָבער אויך פֿאַרשטענדניש פֿאַר אַלע רעליגיעזע ענינים און ער איז באַליבט ביי אַלע קרייזן פֿון ישוב.

6. מרדכי בנטוב, אַרבעטס־מיניסטער.

ער איז דער יונגסטער מיניסטער שטאַמט פֿון גראָדזשיסק (אַ קליין שטעטעלע ביי וואַרשע), זיין פּאָליטישע דערציאונג באַקומט ער אין „השומר הצעיר".

ער איז איינער פֿון די צענטראַלע פּערזענליכקייטן פֿון „השומר הצעיר" באַוועגונג. אין יאָר 1935 ווערט ער אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פֿון ציוניס־טישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין שליחות פֿון „השומר הצעיר" האָט ער אַ סך מאָל באַזוכט אַמעריקע וואו ער איז פּאָפּולער אין ברייטערע קרייזן.

ער האָט לעצטנס אונטערגענומען גרויסע אַרבעטן און ער האָט אויך איבערגענומען די פֿונקציעס פֿון אַרבעטס דעפּאַרטמענט פֿון דער פֿריערדיקער א"י'דיקער רעגירונג.

---

לכבוד העסקן התרבותי רב הפעלים הסופר הנכבד
מר אליהו פּאַלושאַק, מזכיר של „פריינט פֿון יידיש לשון" לונדון.

א.נ. — ועד מרכז התרבות „בית בנימין" שולח לכב' את איחוליו וברכותיו ליובל החמשים. הננו מאחלים לכב' עוד שנים רבות של פעולה תרבותית ועבודה ספרותית פוריה.

בכבוד רב ובברכת דתוז"ה,

בשם הועד ש. ארנסט

לכבוד הסופר הנכבד מר אליהו פּאַלושאַק, לונדון,

אדוני היקר והנכבד. — למלאת לכב' חמשים שנה יקבל נא את ברכותינו הלבביות. הננו מאחלים לכב' המשך נאה לעבודתו הספרותית ולפעולותיו התרבותיות המסועפות.

בכבוד רב ובהוקרה

ש. ארנסט סגן מנהל הספריה העירונית, בתל־אביב

**עבר הדני** (תל־אביב)

# די נקמה פון אַן אָקס

(המשך)

און זמרים פּאַרגעפיל האָט רעכט געהאַט. די אַלע נייעסן וואָס זענען אויף אים באַנייט געוואָרן, און די אַלע רעפאָרמעס איז געווען איין איינציגע כוונה: אַרונטערצוברעכן זיין אויבערשאַפט. ווער רעוואָלטירט קעגן אים? דאָס איז דער בליאַדער פּאַרשוין, וואָס האָט אַזוי ענערגיש געאַרבייט אין דער ציגל געביידע פון שטאַל, וואָס האָט אַוועקגענומען די קעלבער פון די ביקלעך, די קעלבלעך פון זייערע מוטערס, די בעסערע קי פון די ערגערע. דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט זיך שוין נישט פּאַרלאָזט אויף זמרין, נאָר אויף זיך אַליין. די קי וועלן זיך קאַלבן דעמאָלט ווען ער וועט וועלן! און נישט אין פרילינג חדשים בלויז — האָט הויך דער שטאַלמייסטער פאַר די אַדמיניסטראַציע לייט דערציידירט.

און זמרי האָט פאַרשטאַנען אַז מען האָט דעם דאָזיקן פּאַרשוין געגעבן אַן אָפענע האַנד, ווי מען זאָגט: „טו״. ער וועט אַזוי טאָן אַבי עס זאָל אַ גאַנץ יאָר זיין מילך נישט בלויז אין די עטלעכע פינף מילך חדשים ווי עס איז געווען ביז יעצט.

און דער דאָזיקער פּאַרשוין מאַכט דאָס אַלץ טריט ביי טריט. אונטער דער ציגל געביידע האָט ער אָפּגעצוימט אַ הויף און דאָרט אַריין אין דעם הויף פירט מען די קי שפּאַצירן און דערנאָך אין אַ געוויסער שעה נעמט מען זיי צוריק אַריין. די בהמות האָבן זיך שפרינגענדיג אַרויסגעריסן אויף דער פרישער לופט און ווען מען האָט געעפנט דעם טויער זענען זיי צוריק אַריין צו די פולע זשלאָבעס און האָבן געמעקעט. אָבער זמרי איז מיט זיי צוזאַמען נישט געווען. ער איז שוין נישט געגאַנגען אין דער שפּיץ און נישט מאַרשירט צווישן זיי. אַ באַזונדער פורטקע האָט ער געהאַט. און פון דער ווייטנס בלויז האָט ער מיטן קיילעכדיקן אויג געקוקט אויף זיי.

און דער פּאַרשוין האָט אויפן הויף אויך געבויט אַ געשטעל. אויף פעסטע באַלקען האָט מען אויפגעסטראָיעט די שמאָלע שטעלע, די לענג פון אַ קו, מיט פעסטע ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט. און ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל זמרין צוגעפירט צו דער דאָזיקער שטעל, און געפירט האָט מען אים מיט אַ לאַנגער קייט, און ער האָט זיך אינערלעך געוואונדערט איבער דעם דאָזיקן נייעס — האָט דער פּאַרשוין געזאָגט צו די אַרום שטייענדע אַדמיניסטראַציע לייט:

— דאָ ביי דער שטעלע וועט ער יעצט ערפילן זיין פליכט...

און די מענשען אַרום האָבן געלאַכט און געוואונקן.

און זמרי האָט געמוזט אויפן אָרט אויפהויבן זיך אויף זיינע שטאַרקע פיס און פאַרדעקן די קו וואָס איז געווען צוגעבונדן אין מיטן דער שטעלע.



פאַר אַלעמענס אויגן האָט ער געדעכעט מיט זיינע נאָזדערס. דער קאָפּ זיינער איז שטאָלץ געוואָרן און די מוסקולען זיינע האָבן זיך אויסגעצויגן. און די צוגעבונדענע בהמה האָט אַ שרעק און אַ ציטער אַרומגעכאַפּט.

די אַדמיניסטראַציע לייט האָבן געקוואָלן און האָבן געגלעט זיין פעל. ווען מען האָט לויטן באַפעל פון דעם פּאַרשוין, געפירט אויף דער קייט די קו אין איין עק שטאַל און זמרין אויף קייט אין אַנדערן עק שטאַל.

— נאָך ערגעץ אַזאַ זמרי איז נישט דאָ. — האָבן געקוואָלן די לייט און האָבן נאָכגעקוקט ווי ער גייט מיט זיינע שטאָלצע און געלאַסענע טריט. — זעט, די פיס זיינע זענען נאָך שטאַרק. ער איז ווי אַ לייב געשפּרונגען און איז שטאַרק אין זיין רעפּראָדוקציע.

פונדעסטוועגן האָט זיך זמרים גורל גאָר נישט געענדערט. עס האָבן אים נישט געהאָלפן אַלע שבחים פון די אַדמיניסטראַציע לייט און זייערע פילע קאָמפּלימענטן. ער איז ווייטער געווען פאַרשלאָסן אין ענגן פאַר אים נאָר אָנגעוויזענעם שטעלכל אין דער געביידע פון דער גרויסער שטאַל.

— אוים מיט די טשערעדע סיסטעמען. — האָט דער פּאַרשוין געזאָגט מיט גרויס עקשנות. — אַ קו איז אַ הויז באַשעפעניש און נישט קיין ווילד באַשעפעניש.

און געזאָגט האָט ער דאָס ווי אַ רעוואָלטירטער. ווי דער, וואָס האָט נאָך העכערע געדאַנקען, ווי איינער וואָס וועבט זיינע פּלענער.

און ווידער איז דער פרילינג אָנגעלאָפן און פעטע טראַווע האָט אַרויסגעקוקט אויף די בערג צווישן דעם שטעכעכץ. און די פעלדער פאַרהילן זיך מיט גרינס — אָבער זמרי זעט דאָס אַלץ נישט. דורך דעם קליינעם פענסטערל זעט ער בלויז אַ שטיקעלע שיין פון דער זון און פון דער ווייטנס שמעקט ער אַריין אין זיך די ריחות פון גרינעם גראָז. מיט דער טשערעדע וואָס גייט אַרויס צווישן די פעלדער גייט ער שוין נישט. דער שטעקן דעם פּאַסטוכס פּאַטשט שוין נישט איבער זיין רוקן און ער זעט שוין מער נישט וועלכע יאַלוויקע ווערט פאַרפירט פאַר איר צייט.

און אַוועק איז דער פרילינג... שוין געקומען איז דער זומער. און די זון האָט פאַרגאָלדעט די פעלדער גלייך קערענדלעך זענען אויסגעשפּריט. אָבער זמרי האָט דעם דאָזיקן נאָכשריט נישט געזען און האָט שוין מער אַ טשערדע צום וואַסער־קוואַל נישט געפירט. דורכן פענסטערל האָט ער פון אַ נאַקעט שטיקל באַרג דערקענט, אַז עס איז שוין נאָך שניט צייט און אַז דאָס וואַסער איז יעצט, ביים באַרג פוס, קלאָרער און קעלטער.

און זמרי האָט פאַררינגעלט זיין אויג און נישט ווילנדיק האָט זיך זיין שטאָלצער קאַרק פאַררינצלט, און זיינע שטאַרקע קלאָהען האָבן געקראַצט די האַרטע שטיינערנע פּאַסאַצקע אין שטאַל.

— מו־ו־ו — האָט זיך דעמאָלט געהערט זיין שטאָלץ פאַרדעמפּט מרוקן ווי אַ דונער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון דער געמויערטער שטאַל אין דרויסן אַרויס — מו־ו־ו־ו...

— האָ! אונזער זמרי מעקעט. — כאַ־כאַ — האָבן די אַדמיניסטראַציע־לייט אָוועקגעלייגט די אַרבייט און האָבן געלאַכט: — ער איז בייז... עס פאַרדריסט אים גוט...

און פונדעסטוועגן איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל באַפרייען זמרין פון זיין תפיסה. קיין האַנט וועט קיינער נישט אויפהויבן אויפצובינדן די קייט. קיינער וועט נישט דערוועגן צו עפענען דאָס טויער און אַרויסצולאָזן זמרין פריי.

— אויס מיט די אָרדנונגען אין טשערעדע! — האָט זיך געדאַכט אַז זמרי הערט דעם פאַרשוינס פיינדלעכע און טרוקענע שפּראַך. דעם פאַרשוין וואָס רעגירט איבער אים און וואָס דריקט אים אין דער ערד אַריין.

עס האַלט שוין דערביי אַז זמרי זאָל ביסלאַכוויין פאַרגעסן די יענע אָרדנונגען. מען הערט שוין נישט זיין מרוקן אין דער טשערעדע. ער ווייסט שוין גאָר נישט ווען די טשערעדע גייט אַרויס אויף דער פּאַשע און ווען זי קומט צוריק; אויב מען האָט דעוועט ווייטער זיינע קעלבלעך פאַר ביקלאַך. נאָר אַז ער גייט אַרויס צוויי מאָל טעגלעך, אין דער פרי און פאַרנאַכט, צוגעבונדן צו דער קייט, צום וואַסער פּאָיען, כאַפּט ער אַ קוק וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. אמת, זמרי גייט דעמאָלט דורכן שטאַל־טויער מיט זיין שטאָלצן טריט, גלייך עס אינטערעסירט אים גאָרנישט, אָבער זיין שטרענג אויג זעט אַלצדינג מיט איין קוק.

ער זעט זער, זער גוט די נייע געסט, די צוגעבונדענע צו די רינגען, אין דער וואַנט. פריער איז דאָרט געווען נאָר איינער: אַ הויך באַשעפעניש מיט דינע פיס, וואָס דער הינטן זיינע איז שמאָל ווי אַ שפּאָן און די יונגע מאָרדע זיינע איז ווילד. דערנאָך איז צוגעקומען נאָך אַ באַשעפעניש, נידריגער פון יענעם, שעמעוודיקער פאַרן ערשטן און זיין אונטערשטער פיס איז שטענדיק געווען פאַרבאַנדאַזשירט. נאָכהער האָט מען געבראַכט דאָס געפלעקטע באַשעפעניש מיט דער גראָבער פעל און ווייסער מאָרדע, וואָס קוקט אין דער זון אַריין ווי אַ בלינדער. איז נאָך ווייניק, האָט מען ווען עס איז צו די ווענד צוגעבונדן צווישן זיי עפּעס אַ קליינעם בענצוואָל, אַ זויגלינג וואָס האָט גאָר קיין צורה נישט. „די אַלע זענען ריוואַלן", האָט זמרי, וואָס האָט לאַנג געטרונקן פון דער קאָריטע, אין האַרץ געשפּירט אַ באַהאַלטענעם ציטער.

און זמרי האָט אויף זיי גאָר נישט אַכט געגעבן. ער האָט נישט, ווי זיין שטייגער איז געווען אַמאָל, אָנגעשריגן אויף זיי, נאָר גייענדיק זיי פאַרביי פון דעם וואַסער — טרינקען מיט געלאַסענע טריט גלייך ער זעט גאָר נישט אַז זיי עקזיסטירן.

„די ריוואַלן"... האָט אַ חוזק־געדאַנק אַריינגעטראָפן אין זיין שיינעם, קליינעם קאָפּ, ווען דער טויער איז אונטער אים פאַרשלאָסן געוואָרן און ער איז געבליבן אַליין ביי זיין זשלויב. „וועט דער דאָזיקער יונגער דין־פּיסי־גער כח האָבן צו פאַרדעקן אַ קו?... אָדער יענער שלימזל מיטן באַנדאַ־זשירטן פוס איז ער אויך צווישן דער אָקסן פאַמיליע? און די געפלעקטע



בריאה, דער ווייסער בלינדער וועט קענען אויפהויבן די פיס און די קו וועט כח האָבן צו טראָגן אויף זיך אַזאַ גרויסע מאַסע פלייש?"

און זמרי האָט געלאַכט אינעווייניק אין זיין האַרץ און די נייע ריוואַלן האָבן נישט געהערט און האָט מער געחוזקט ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם יונגן שנעק, וואָס איז צוגעבונדן גלייך מיט אַלע צו דעם רינג אין דער וואַנט און וואָס האָט נאָך אויף זיין מאָרדע דער מאַמעס מילך.

„דאָס אַלץ איז דעם פאַרשוינס מלאכה", האָט זמרי באַשלאָסן, גלייך אַלעס שלעכטס אויף דער וועלט קומט בלויז פון איין איינציקער קוועלע. „ער האָט זיי עקסטרע אַהער געבראַכט, צו צוברעכן מיין שטאָלץ, ספּעציעל זיך באַמיט און צוגעבונדן זיי אין איין שורה צו דער וואַנט, מיך ביז אין דער ערד אַריין דערנידריגן".

אַזוי האָט זמרי געקלערט. אַ קליינע צייט האָט ער זיין שטאָלצן קאַרק געריינצלט, גלייך ער האָט געוואָלט די קייט צורייסן. קיינער אָבער האָט אים אין זיין שטאָלצקייט ניט געזען. קיינער האָט פון זיין מאָרדע ניט געקאָנט לעזן זיינע שווערע פּרעטענציעס. ווען נאָר דער שטאַל־מייסטער איז געקומען מיט דער באַרשטן־שטאַל, האָט זמרי אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ, אויפגעהויבן זיין וואָרצל־עק אין דער הויך גלייך ער איז צופרידן פונם קראַצן און קעמען און ער האָט קיין שום זאָרג נישט.

— אַהאַ, אַלטער קראַ, — האָט אים דער פאַרשוין אַ קלאַפּ געגעבן מיט דעם קעמל און באַרשטל אויף דער פעל, — האָסט ליב אַז מען קעמט דיך, אַז מען קראַצט דיינע בלישצענדיקע קנייטשן, אַז מען באַרשט דיין פאַרהאַרטע־ווען קאַרק...

„יאָ, איך האָב ליב..." האָט זמרי מיט צופרידענע אויגן אַרויפגעקוקט און האָט מיטן האַלז געדריגעט.

— האָסט דיך ליב צו פּיעשטשען, אַלטער טייוול... — האָט ווייטער דער פאַרשוין געוואָרטלט, ווי אַ ספּעציאַליסט־דרעסירער פון ווילדע חיות. — מילא, וועלן מיר דיך נאָך אַביסל פּיעשטשען. לאַנג מיט אונז וועסטו שוין ממילא נישט זיין. דריי נאָר אויס צו מיר דיין שטאָלצן קאָפּ וועל איך דיר דיין מאָר־דע אויסבאַרשטן, אויסקעמען די שערסטש אויפן שטערן ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן אַ פּראָדוקטאָר...

און זמרי האָט לויטן באַפעל אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, געדריגעט מיטן האַלז, האָט אונטערגעגעבן זיין קאָרפּוס פאַר די אייזערנע ציין פון דער קאַם און זיין פעל פאַר די שאַרפע האָר פון באַרשט.

— נו, זאָל דיר וואויל באַקומען... — האָט דער פאַרשוין דעם לעצטן קלאַפּ געגעבן אויף זמרין, גלייך ער איז אים אין גאָרנישט חושד.

און זמרי האָט, גלייך ווי אַ צופרידענער, נאָכגעקוקט ווי ער איז אַרויס־געגאַנגען ביז אין טויער אַריין, ביז ער האָט די טיר אונטער זיך פאַרשלאָסן, ער האָט נאָכגעקוקט פאַרוואונדערט, אויסגעצויגן זיינע פאַרדרייטע און שוין אויסגעפאַרטירטע מוסקולן, און האָט מיט שטאַרקן אַפּעטיט געגעסן דעם קאָרב

וואָס דער פאַרשווין האָט פאַר אים אין זשלאָב צוגעגרייט.
„די צוויי־פיסיגע זענען גאָר אַנדערש", — איז אַדורך דורך זמריס קאָפּ אַ וואונדער געדאַנק, אייגנטליך טוען זיי דאָך בלויז גוטס, און שאַרף איז דאָס דאָזיקע גוטס זייערס ווי קינזשאַלן, אייגנטליך פּאַשן זיי דיך מיט אַ ברייטע האַנט, אָבער דאָך פאַרשפּאַרט ער דיך פון דער גאַנצער וועלט. עפּעס קאַרגט ער דיר גאָר נישט, און גלייכצייטיק נעמט ער דיר אַלעס אַוועק...."
מיט אַזעלכע וואונדערלעכע געדאַנקען איז זמרי געלעגן אויף זיין שטרוי־געלעגער און האָט שווער געדעכעט מיט זיינע שטאַרקע לונגען.

(המשך קומט)

---

יוסף הלל לעווי

## אונזער „לשון קדושים"

1

פאַר וועמען, צו וועמען נאָך קאָן מען היינט זינגען,
דאָס איינזאַם פאַרלאָזענע יידישע ליד?
וואָס האָט אויף דער וועלט ערשט דער גאַנצער געבליס,
און האָט איבער לענדער געהילכט און געקלונגען....

פון שטאַרקע, מיליאָניקע יידישע לונגען,
וואָס האָבן געאָטעמט מיט האָפנונג און פרייד;
און האָבן די האָפנונג אויף ווייטער פאַרזייט;
צעפלאַטערט מיט לעבן אויף פייעריקע צונגען.

פאַר וועמען, צו וועמענען היינט נאָך בירושה,
דאָ לאָזן ספאַרלאָזענע יידישע וואָרט? —
וואָס איז מיט אַזויפיל אמונה, קדושה,
געווען ערשט און רחמים צעזאַמענגעפּאָרט;
און ס'האָבן עס רוצחים אָן רחמים געמאָרדט,
און הפקר צעטרעטן אין בלוטיקער בושה....

2

ניטאָ דער רעדאַקטאָר וואָס פלעגט איבערקוקן
דאָס ליד מיינס וואָס כ'האָב אים געבראַכט יעדע וואָך,
און אָפט מיט אַ קליינער פאַרבעסערונג דרוקן —
אין צייטונג מיט אותיות גרויסע דערנאָך.

נישטאָ מער דער קריטיקער אויך דער געטרייער
וואָס האָט נאָר דעם שרייבער געמאַכט וויט באַקאַנט, —
אַז ס'זאָל זיך צעבליען אַלץ טיפער און פרייער,
זיין דיכטעריש גרויסער און בונטער טאַלאַנט....



3

נישטאָ מער דער לעזער דער האַרציק פרייער,
וואָס האָט דיר מיט ליבע דיין האַנט ערשט געדריקט,
און ס'האָט אין זיין אויג אַזאַ הייליקער פייער
געברענט ווען ער האָט אויף דיר דאַנקבאַר געקוקט.....

ניטאָ מער דאָס מיידל דאָס חנעוודיק שטילע,
וואָס האָט ערשט געחזרט דיין ליד זיך מיט פרייד, —
אַזוי ווי מען דאַוונט אַ הייליקע תפילה,
און האָט עס געשעפּטשעט פאַר זיך שטילערהייט....

ווען דו האָסט ביים שרייבן די טיפע געפילן,
דערשפּירט וואָס עס האָבן באַוויגן איר ברוסט; —
עס פלעגט דיך איר צויבער נישט איינמאָל פאַרהילן,
געצערטלט מיט ליבע דיין וואָרט אומבאַוואוסט....

וואו איז אַ זי דאָס ליכטיקע מיידל, דער בחור,
דער אַרבעטער עולם וואָס האָט דיך געהערט. —
ערשט לעזן דאָס ליד דיינס? נישטאָ מער קיין זכר, —
פון אַלעם. נישט מער נאָר דאָס אויג דיינס עס טרערט.

4

כ'וועל בלייבן געטריי צו דעם ליד וואָס געזונגען
עס האָט מיר באַהאַרציקט מיין מאַמע ביים וויג, —
פון ראָזשינקעס מאַנדלען, וואָס איז שוין פאַרקלונגען
ווען מ'האָט מיר געשחטן מיין גילדענע ציג....

כ'וועל בלייבן געטריי צו דעם בחור און מיידל,
דעם יידישן עולם וואָס האָט מיך פאַרערט;
מיין יעדערעס וואָרט פונעם האַרצן גאָר איידל —
מיט ציטער און טיפער התפעלות געהערט....

כ'וועל בלייבן געטריי צו די אַרבעטער מאַסן,
דער פאָן זייער רויטער דערטרונקען אין בלוט, —
איך וועל זי נישט מער ביז צום קבר פאַרלאָזן,
נאָר ווייטער זי טאָרגן אין האַרצן מיט מוט....

כ'וועל בלייבן געטריי צו דער שפּראַך גאָר אָן זכיות,
די שפּראַך פון מיין מאַמען וואָס האָט מיר באַצאָלט;
אַזוי ווי אַ גבירתה אין טיפסטער עניות —
מיט אוצרות פון ליבע, בריליאַנטן און גאָלד....

5

מײן עלנדיק שטעטל פֿאַרביטערט זאָגט קינות
נאָך דורות פֿון ייִדן מיט שולן פֿאַרוועבט, —
אין אַלע די וועלטלעכע פֿרעמדע מדינות,
כ׳האָב נאָר מיט מײן אָרימען שטעטל געלעבט....

עס גיסט זיך נישט מער שוין אַזוי ווי די כוואַליעס,
דאָס ייִדישע וואָרט וואָס געקלונגען האָט ווײט, —
און האָט פֿון דער וועלט פֿון דער גאַנצער התפּעלות,
געבראַכט אונדז צוריק מיט באַהאַרציקטער פֿרײד....

6

ניטאָ מער דער ייִד מיטן ייִדישן ווײבל,
וואָס פֿלעגן דאָס ייִדישע ביכל מיט טעם, —
צו לײנען, די באָבעשי טיף אין איר הײבל —
וואָס פֿלעגט אַמאָל בענטשן, און שעלטן צום גראַם....

ניטאָ מער דער הייליקער צדיק, די חסידים,
וואָס האָבן זיך גלײביק פֿון יאוש באַפֿרײט;
געזונגען, געטאַנצט און געכוסעט ליהודים —
מיט טיפֿער התפּעלות פֿאַרדבקותטערהײט....

ניטאָ מער דער חתן, די כּלה פֿאַרשוואונדן,
וואָס ס׳האָט זײ די ליבע צעזאַמענגעשמידט;
אין לויטערער טרײקײט אויף אײביק פֿאַרבונדן,
די רײנקײט פֿון ייִדישן שטאַם אָפּגעהיט....

7

נישטאָ מער די יאָסעלעך, לײבעלעך, הערשלעך,
וואָס האָבן געזונגען אין שול מיט מוזיק, —
די ייִדישע לידלעך, און ס׳האָבן ווי קערשלעך
די אויגעלעך זײערע געפֿילקלט פֿון גליק.

נישטאָ מער דער לערער וואָס ס׳האָט זײ געלערנט
סײ פּרק, צי רײזן אין וואָרט און אין שריפֿט, —
און זענען אין נעכט פֿונעם זומער צעשטערנט
געלעגן אין ליבע חלומות פֿאַרטיפֿט....

איז ווער זאָל דעם טײערן המשך נאָך ציען,
מיר זאָלן בײם לעבן נישט בלײבן שוין טויט, —
אַז ס׳זאָל אונדזער ייִדיש זיך ווידער צעבליען,
און מיר זאָלן ווערן אויפֿסנײ אויפֿגעבויט?....



8

אין יעדערן לאַנד איז געווען מיר ביטער,
וו כ׳האָב אין דער פֿרעמד נאָר מײן לעבן פֿאַרלעבט, —
דאָך האָט ער מײן גלויבן מיט הייליקן ציטער,
נישט קײנמאָל בײ מיר זיך אין האַרץ אויסגעוועבט....

כ׳בין תּמיד געווען מיט דעם הימל פֿאַרבונדן,
אַ וואו ס׳איז געשטאַנען פֿון חלום מײן וויג, —
אפֿילו ווען מ׳האָט מיך אין פֿלאַמען געצונדן,
געטרוימט האָב איך ווײטער פֿון מענטשלעכן גליק....

נאָך בלוטיקע יאָרן — פֿון מאָרדן, און גסיסה,
האָט ווידער מײן האַרץ זיך פֿאַרליבט און פֿאַרבענגט, —
אַרויס זיך געריסן פֿון פֿײנטלעכער תּפֿיסה,
און ווידער אין לאַנד פֿון מײן טרוים מיך געברענגט....

געקומען אַהין איז מײן אויג ווי פֿאַרלאָשן
געוואָרן; און איך האָב דערפֿילט זיך פֿאַרשעמט;
ס׳איז פֿרעמד אין מײן אײגענער הײם מיר דאָס לשון,
איך פֿיל אין מײן אײגענעם לאַנד זיך ווי פֿרעמד....

איך פֿיל זיך דערנידריקט, באַלײדיקט, געפֿאַלן,
און הײב אויף צום הימל מײן מאַכטלאָזע האַנט,
עס ענטפֿערן טרויריק מיר די שאַקאַלן —
די אײנדיקע פֿרײנט אין מײן אײגענעם לאַנד!....

9

איך גלויב באמונה שלימה אַז שטוינען
עס וועט נאָך דער שטאָלצער פֿאַרפֿירטער, באַגלײט, —
פֿון ייִדישע מאַסן, וואָס וועלן באַלוינען —
זײ׳ך ייִדיש — עס רעדן געשמאַק און מיט פֿרײד....

איך גלויב טאַטע־מאַמע, אויפֿסנײ וועט דורכדרינגען —
די ליבע פֿאַרקניפּן זײ טיף מיט אַ באַנד; —
און זײערע קינדער באַגליקט וועלן זינגען
פֿרײ — ייִדישע לידער, אין ייִדישן לאַנד....

ווײל טאַטע און מאַמע, און קינדער צעזאַמען,
עס האָט זײ אײן גורל אויף אײביק געשמידט, —
העברעאיש און ייִדיש פֿאַרפֿלאָכטן זײ שטאַמען;
דאָך בײדע פֿון זעלביקן, אײביקן ייִד....

איך גלויב אַז ס׳וועט האָבן נאָך ייִדיש די זכיה,
ווײל ס׳איז דורכן גלות געבליבן אונדז טרײ; —
אַצינד מיט אַ מאַכטיקער פֿרײער עליה,
אין ייִדישן פֿרײלאַנד אויפֿצולעבן אויפֿסנײ....

משה עובר

# משיח׳ס נסיעות און נסיונות

## די מנורה פון זיבן טעמפּלען

קאַפּ. יד.

עס וואָלט געווען אפילו פאַרן מלך המשיח אונמעגלעך דורכצוזעצן זיין שליחות, ווען ניט דאָס וואָס אליהו הנביא האָט פאַר אים אויסגעטרעטן די וועגן און שטעגן אויף וועלכע ער זאָל גיין צו ברענגען די גאולה. און איינמאָל האָט עס טאָקע אַזוי פּאַסירט:

שטייענדיק אויף דעם שפּיץ פון יושר־באַרג האָט משיח געזאָגט צום איזעלע „וואָס קען דאָס זיין וואָס איך הער פון דעם ׳אליהו שטעג׳ יעדן טאָג אַזאַ געוויין נאָך שרעקלעכער ווי פון רחל׳ס קבר. זעסט דער וועג איז אַדורכגעווייקט, איך פיל ווי דער גאַנצער יושר־באַרג טרינקט זיך אין טרערן. לאָמיר חוקר ודורש זיין פון וואַנען עס קומט״.

„גוט, גואל־לעבן״ — האָט ס׳איזעלע געזאָגט, „לאָמער״, איז דער געזאַלבטער אַרויף אויפן איזעלע און ס׳איזעלע אַרויף אויף „אליהו׳ס שטעג״.

און אין דעם קפיצת הדרך פון אַן אויגן־בליק זיינען זיי אַראָפּ פון יושר־באַרג און אַריין אין דער הייל וואָס האָט געהייסן „די הייל פון די זעקס שוועסטער״. אין דער הייל איז געווען טונקל כמעט שוואַרץ. אָבער גלייך ווי ס׳ווייסע איזעלע און משיח האָט זיך באַוויזן איז אין דער הייל געוואָרן ליכטיק און אין דער ליכטיקייט האָבן זיי געזען זיצן אויף דער ערד זעקס שיינע יונג־פרויען. זייערע קעפּ ווי זעקס זונען און פון זייערע אַקסלען האָט אַראָפּגעהאַנגען שמאַטעס און לאַטעס און זיי די יונג־פרויען וואַרפן זיך פון ווייטאָג ווי שלאַנגען אַזש ס׳איזעלע האָט זיך צעוויינט פאַר רחמנות און שרעק. האָט משיח זיי געפרעגט „ווער זענט איר טעכטער פון תפארת?״ האָבן זיי אים געענטפערט „מיר זיינען זעקס שוועסטער פון איין טאַטע! מיר זענען די וואָכעדיקע זעקס טעג״. „וואו איז אייער זיבעטע שוועסטער?״ האָט משיח זיי ווייטער געפרעגט?

האָבן זיי געענטפערט, „זי איז די שבת־מלכה, זי וואוינט אין דער הויך פון אונזער הייל אין אַ ליכטיקן היכל, זי זעט אויס ווי אַ פרישע זאַנפטיקע רויז אין אַ קרישטאָלענער וואַזע, איר איז שוין איינמאָל גוט!״ און זיי האָבן ווייטער גערעדט, סטוט אונז זער לייד וואָס משיח איז אַדורכגעווייקט פון אונזערע טרערן אָבער פאַר וועמען דען האָבן מיר געזאָלט אויסגיסן אונזערע הערצער אויב נישט פאַרן מלך משיח?

האָט משיח צו זיי געזאָגט — הויבט איך אויף מיינע טייערע שוועסטער און קומט מיט מיר.

זיינען זיי אים נאָכגעגאַנגען. און מלך משיח איז מיט זיי אַרויף און אַריין אין היכל פון דער שבת־מלכה און איר געוויזן ווי שרעקלעך אירע לייבלעכע שוועסטער זען אויס און ווי טיף זיי ליידן.



האָט די שבת־מלכה זאַפאָרט געהייסן אירע מלאכי השרת, זיי זאָלן וואַשן און זאַלבן אירע זעקס שוועסטער, יעדער אָנטון בגדי מלכות פון איר גאַרדעראָב און יעדער קרוינען מיט אַ קרוין פון איר שאַץ און אַריינזעצן יעדער באַזונדער אין איר אייגענעם קרישטאָלענעם טעמפּל. די מלאכי השרת האָבן אַלעס געטון ווי די שבת מלכה האָט געהייסן, און דאָס אָרט הייסט זינט דעמאָלט: „די מנורה פון זיבן טעמפּלען״.

## דער געבורט פון אחד

קאַפּ. טו.

נאָכדעם ווי די זעקס וואָכעדיקע טעג זיינען געוואָרן אויפגעריכט האָט משיח איינגעזען אַז עס האָט גאָרנישט מער קיין זין צו טאָלערירן די מחיצה צווישן מלכות שמים און מלכות הארץ.

ער האָט זיך געטראַכט, איצט האָט דאָך מאַמע־ערד זיך מער נישט וואָס צושעמען מיט אירע זעקס וואָכעדיקע פאַרפראַצעוועטע טעכטער טאָ נאָך וואָס נאָך דער פאָרהאַנג?

מער ווי איינמאָל ווען ער האָט אַרויסגעקוקט פון זיין קראַנקן בעט אין הימלישן היכל און געזען פאַרבייפליען די מעשה־מרכבה, יעדעס ראָד אַ וועלט פון פליענדיקע קאָלירן און יעדע קאָליר באַפליגלט זיוו־השכינהדיק, האָבן געוויינט אַלע זיינע וואונדן! אַה! ווען די ערדישע איינוואוינער וואָלטן דאָס געקאָנט זען! כאָטש איין בליק געבן, וואָלטן זייערע נשמות געוואָרן באַלויכטן אויף אייביק מיט גלאָררייכקייט. דאָס זעלבע ווען אַראָפּקומענדיק אויף אונזער ערד האָט אין אים ווייטער געצויגן און גענאָגט אַ בענקשאַפט!

אַה! ווען איר הימלישע וועזנס וואָלט געקאָנט זען דעם בריליאַנטענעם שמייכל פון אַ קינד, די אבנים טובות ומרגליות פאַרזייט אין די בלאָטעס, זען אַ זאַנפטיקן גאָרטן בליען און זינגען. ווען דאָס אַלעס וואָלט געווען ענטפלעקט פאַר ביידע זייטן, אָך ווי דער אחד וואָלט דעמאָלט נישט געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן נאָר אַ גאַנצע כלי. און מענטש און מלאך וואָלטן געקאָנט פון איר טרינקען, אָן הפסקה, ביזן לעצטן טראָפּן.

און וואָס מער משיח האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם אַלעם אַלץ מער איז ער געקומען צום באַשלוס אַז די מחיצה איז נישט ווינשסווערט פאַר ביידע וועלט טיילן, האָט ער געזאָגט צום איזעלע: מאַך זיך גרייט! באַרגעל דיר גוט דעם האַלז גאַרטל זיך אָן מיט פרישע כוחות. מאָרגן פאַרטאָג וועל איך בלאָזן דעם שופר דריי באַל און דו וועסט געבן אַ ריטשע דריי מאָל. מיר וועלן ביידע נעמען די העכסטע טענער, און געדענק דער בלאָז מיטן מרוטשע מוזן סינקראָניזירן!

פרעגט ס׳איזעלע: וואָס איז סינקראָניזירן?

לאַכט משיח, אַה, דו חמור קעפּעלע! ס׳איז דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַל וואָרט און דו ביסט דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַל באַשעפעניש, און דו ווייסט נישט! עס איז ווען צוויי זאַכן טרעפן זיך פונקט אין דער זעלבער צייט. מיט ביידע

אויגן האָט ס׳איזעלע געגעבן אַ וואונק, ווי געזאָגט, יעצט פאַרשטיי איך שוין.

און ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט האָט משיח דריי מאָל געבלאָזן און ס׳איזעלע דריי מאָל געשריגן, נאָך קיום געענדיקט און די מחיצה צווישן הימעל און ערד איז ענטקומען. אונזער וועלט וואָס איז ביז איצט געווען צוטיילט און צעשניטן אויף צווייען איז געוואָרן איין גאַנצע, איין גרויס האַרמאָניש קעניגרייך, איין אחד.

אַמייסטן געגאָסן פון דעם אחדות האָט די ליבע, ווייל די פאַראייניקונג פון הימעל און ערד האָט גורם געווען אַז דעם מענטש איז געוואָרן ליכטיקער און קלאָרער, דער שליאַך פון דער שעפערישער האַרמאָניע.

די צווי ווייזער פון ציפערבלאַט פון דער וועלט: ליבע און לעבן האָבן ניט מער קאָנקורירט, נאָר האַרמאָנירט און ווען משיח וואָלט ניט מער אויפגעטון ווי געליזט דעם קליינעם „מינדערוועָרטיקן" פראָבלעם פון דער ליבע האָט ער שוין אויך פאַרדינט דעם מענטשנס אייביקער דאַנקבאַרקייט.

## די רעאַליזאַציע

קאַפּ. טז.

נאָכן געבורט פון אחד האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען דאָס אמתע איבערקערעניש. מענטשן האָבן אין זיך אויסגעפונען פעהיקייטן וועגן וועלכע זיי האָבן גאָרנישט געגלויבט, און חושים נייע פון וועלכע זיי האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט. יעדער מענטש באַזיצט נאָר דאָס וואָס ער האָט געקאָנט נוצן פאַר זיין מייסטערהאַפטער דינסט און געטראָגן נאָר דעם עול וועלכן ער האָט געקאָנט טראָגן שעפעריש.

אפילו אין די ספערן פון דער קונסט וואו עס האָט געהערשט פאַר דער משיחישער תקופה אַזויפיל הפקרות האָט אָנגעפאַנגען געוועלטיקן דאָס געזעץ פון האַרמאָניע (וויכטיק צו באַמערקן אַז אין קיין משיחש לאַנד האָט מען ניט ערלויבט אַ פרוי זאָל טון מאַנאָטאָנישע אויטאָמאַטישע אַרבעט.)

אויב אין מלכות פון וואָרט איז פאַרגעקומען אַ רעוואָלוציע, אַלע טויטע פראַזן און אויסגענוצטע אידיאָמען האָט מען נישט געטאָרט נעמען אין מויל אַריין דער וואָס האָט זיך מטמא געווען דאָמיט האָט זיך געמוזט וואַשן ס׳מויל און גאָרגעל דריי מאָל. יעדעס לשון האָט ווי ספּלינטערס אַרויסגעשלעפּט פון זייער אָרגאַניזמען די ווערטער, וועלכע האָבן ניט אָרגאַניש באַלאַנגט צום לשון און אימפּאָרטירט פון נאָענט און ווייט ווערטער וואָס האָבן פאַרשאַפט אַ נחת רוח די צונג, די חושים און דעם געגענשטאַנד.

נאָר קיינער איז ניט געווען אַזוי דאַנקבאַר ווי דער מנין שפיצפינגער, ווייל זייט משיח איז געקומען האָבן אַלע מעטאַלן, האַלצן און שטאָפן אויפגעלעבט. זיי האָבן וויברירט מיט אַ ניי לעבן. די צען פינגער ווי אַמבאַסעדאָרן האָבן זיי יעדן ערב ובוקר געבראַכט דער געקרוינטער נשמה די גוטע נייעס אַז מיט אַלעם וואָס זיי קומען אין קאָנטאַקט אין מלכות פון אל־חי איז פול מיט לעבן און שפרינגט פאַר פרייד „קדוש"!



## די באַפרייאונג פון ציון

קאַפּ. יז.

און די גאַנצע צייט וואָס משיח איז געשטאַנען אויפן יושר באַרג האָט ער אויף קיין רגע ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון ציון וירושלים. און ווען ירושלים איז געוואָרן באַלאַגערט פון שונאים און עס האָט שלעכט געהאַלטן האָט משיח זיך אָוועקגעזעצט אויפן אייזעלע און געזאָגט „פליה מיין טייער אייזעלע פליה!" ס׳איזעלע האָט שוין געוואוסט וואָס איז משיחס כוונה איז עס אַהין געפלויגן נאָך ירושלים. אַזוי שנעל, אַז דער שאָטן זייערער איז געבליבן מיילן הינטער׳שטעליג און דעם רעש פון פליה האָט ס׳בת־קול ניט געקאָנט דעריאָגן און אָט שטייט שוין ס׳איזעלע אויף די פיער בערג פון ירושלים יעדן פוס אויף אַן אַנדערן באַרג און משיח האָט געבלאָזן מעכטיק אויף זיין שופר און ס׳איזעלע האָט אים באַגלייט אַזוי אַז די שונאים האָבן געמיינט אַז דאָס איז דער ווי געשריי פון קוילן, פון האַרמאַטן, פון באָמבערס און פון ראַקעטן אויפן וועג פון פאַרניכטונג.

די שונאים האָבן דעם מלך משיח און ס׳איזעלע ניט געזען און זיי האָט זיך אויסגעדאַכט אַז יעדעס יידיש הויז איז אַ טאַנק און יעדער קוימען אַ האַרמאַט און זיי זיינען אַוועקגעלאָפן פאַר שרעק און אַסך האָבן אוש אַוועקגעהלשט פאַר פחד.

אָט אַזוי האָט ס׳איזעלע געהאָלפן אין דער באַפרייאונג פון ירושלים און ישראלס שונאים זיינען געוואָרן באַפרייט פון שנאה.

(סוף)

---

אַ קריטיק פון בחור הזעצער:

מייערער רב משה עובד! יאָ, עס איז אַלעס ריכטיק. אָבער דאָס „איזעלע" מאַטערט זיך אַזוי צו שלעפן דעם טייערן „אָרטיקל" — משיח...! עפעס איז דער „אָרטיקל־משיח", אַזוי „געדיכט" געשריבן, אַז מען קען דעם משיח מיט די אויגן נישט זען... די אייזעלען פאַלן אַוועק אונטער משיחס שווערער משא... מאַכט עס אַ ביסל ריינער און קלערער וועט פאַרן אייזעלע זיין פיל גרינגער... און משיח וועט „אַרויסקומען" אַ „מחותן", אַ מבּקתים...

---

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"
די נייע פאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב
צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

## א. נ. שטענצל

# די ווידוי פון ירמיהו הנביא

(באַלאַדע)

„ועתה שמע נא אדני המלך תפל נא תחנתי לפניך ואל תשבני בית
יונתן הספר ולא אמות שם.״ (ירמיהו לז כ).

נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אין זיין הייל פאַרשטייניקט,
אונטער דער קופּע ליגן ער איז געבליבן.
איז פאַר זיין בליק געשטאַנען ברוך בן נריה,
און זיין נאָמען אויף די שטיינער אויפגעשריבן;

נישט אים פאַרשטייניקט האָבן זיי — איבער זיין קבר
אַ שטיינערנע מצבה צונויפגעקליבן.

איז ער דען נישט אַ נביא אין ישראל, אַ זעער,
און אַלצדינג וואָס ס'קומט, אַנצוטאַפּן מיט די אויגן?
זעט ער זיך אַליין אַצינד, אין סוף פון זיינע טעג,
אַ בר־מנן אינם קבר אויסגעצויגן;

די מצבה איבער אים צוזאַמענצעוואָרפן,
זיינען די שטיינער איבער זיין קאָפּ געפלויגן.

האָבן זיך די פאַלדן פון זיין פנים אויסגעגלייכט,
אויסגעגלעט די קנייטשן אויף זיין הויכן שטערן,
די פרייד אויף זיינע ליפּן האָט גענומען שוועבן —
אויף אַ שלאָגנדיקן קוואַל דער מאָרגנשטערן;

ווי תמיד ווען ברוך פאַר אים איז געשטאַנען,
צום געטריף פון זיינע רייד זיך איינצוהערן;

„ברוך בן נר, נישט קיין ווידוי, נישט קיין צוואה
זיינען מיינע לעצטע ווערטער פאַרן שטאַרבן —
קערנער געווינדשאַוולטע, קלאַר־אויסגעקליבענע,
זוניק אויפצוגיין אין געבונדענע גאַרבן;

„זע כ'בין אַ זעער שוין געווען אין מיין מאַמעס טראַכט,
ווען ס'זיין ווען מיין בליק צודעקן שטיקלעך שאַרבן.

„אַז אַזעלכע הענט ווי דיינע, ליכטיק געבענטשטע,
וועלן זיי אויף מיינע טויטע אויגן לייגן,
וועלן מיינע ווערטער זיין אייביק־צעשעפּטשעטע,
ווי אייביק טויטע ליפּן אין קבר שווייגן;



„נישט קיין זייל פון מירמלשטיין וועט שווערן מיין קבר —
מיין לעבן אַ צעבלעטערטער בוים פיל צווייגן!

„ברוך בן נר, וואָס וואָלט דען מיין נבואה געווען,
אַ ליכטיקן אַזאַ כ'וואָלט דיך נישט געפונען?
ווי דיין זאַמד געשים, אויסצוטריקענען דאָס געשריפטס,
וואָלטן אַלע מיינע רייד אין זאַמד צערונען;

„צעבראָכענע שטיקלעך שאַרבן אויף מיינע אויגן
פון מיינע טעג די אויפגעגאַנגענע זונען.

„זע אַזוינער ווי איך, וואָס קען קיין צורת אות נישט
און דאָך אַזויפיל רייד אויף זיין נאָמען פאַרשריבן,
אַ וואָר־צייכן, אמת וועט ווערן די נבואה,
צוריקקערן וועלן די וואָס ווערן פאַרטריבן;

„אָ, אַז אַזוינער ווי דו, ברוך בן נריה,
צווישן אונזער פאָלק ס'איז נאָך איינער פאַרבליבן!

„ווי דאָס גאָלד פון בוזעם אַרויס די זונהביים שכור,
שעפּטשענדיק אים אין אויער פון פריינטשאַפט און ליבן,
אַזוי פאַרבאָרגנסטען געדאַנק פון האַרצן אַרויס,
פון די נאָנסטע, אַנגעלענטע מיט זיי במסובין;

„וורעכנעס אַרום נבילה, אַרום מיין נבואה,
האָבן זיך די סופרים אַרום מיר פאַרקליבן.

„שלעכטע רייד דעמלט האָבן געקוואַלן אין מיין קעל,
פון מיינע ליפּן געשוימט האָט עס מיט צאָרן;
אַרום מיר געזען זיי, שנאַבלדיק אַזוי ויצן,
אַליין אַ קראַקנדיקע קראָ גאָר געוואָרן —

„פון יענע קונציקע, קלוג־וואָרפנדיקע בליקן,
געליינט ווי פון פאַלנדיקע מעטעאָרן;

„אַז אַזוי נידריק געפאַלן ס'קאָן ווערן אַ פאָלק,
נאָר צו כיטרע חניפה־רייד זיך צו צוהערן,
דאָס געוויכט פון וואָרט נישט אָפּוועגן ס'קאָן ווי גאָלד־קלאַנג,
דער גאַנג פון אַזאַ פאָלק מוז געשטרויכלט ווערן — — —

„נישט פון די הימלישע מזלות כ'האָב געלעזן,
פון זייערע קופּערנע צעגלאַנצטע שטערן.

„יענער פאַלטשער בליק פון דעם יונתן הסופר,
ערגער ר'איז געווען ווי דעם טויט צו דערטראָגן;

ניִשט צו מײַנע נבֿואה־רייד זיך צו צוהערן,
דעם זאַפט פון מײַנע ווערטער נאָר אויסצוזאַגן — — —

„אויף אייביק וואָלט ישׂראל געבליבן אַ מדבר,
און איך דער שאַקאַל וואָס הערט ניִשט אויף צו קלאָגן!

„ווי פלאַמיקער מולך אַלצדינג צו פאַרפלאַקערן,
איז גליענדיקער בליק פול קנאה־באַגערן — — —
ברוך בן נריה ווען ניִשט דײַן ליכטיק־געבענטשטער בליק,
וואָס געליינט אין אים ווי אינם מאָרגנשטערן — — —

„די ווילדע, וויסטע קללה, גיפּטיק שוין אויף מײַן צונג,
אין אַ ברכה דעמלט פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן —

„ווי רובינען צו אַדיאַדעם, פּערל פאַר קרוין
האָסט דו פון מײַן מויל אַרויס ווערטער געקליבן,
צוויי העמערלעך אין טאַקט, ווען זיי העמערן גין־גאָלד,
אונזערע הערצער, ווען גאָטס וואָרט האָסט פאַרשריבן —

„דער גין גאָלד אויפגעגאַנגענער, מזל־תאומים,
איבער די זילבער־כוכבי־לכת, די זיבן — — — — — — — — — — —”

און פלוצלונג, אַ שטערן וואָס פאַלט ראַפּטום אַרונטער,
איז ער אויפאײנמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן:
חרוב ס׳לאַנד, ס׳פאָלק פאַרטריבן און אויף זײַן צונג גאָטס וואָרט,
וואָרקנדיקע טײַבלעך אויפגעטאַנצט צום פאָרן — — —

און איבער זיך אַליין, איבער זײַן האָפערדיקייט,
אויפגעגאַנגען אין אים לצנישער צאָרן:

אַ נביא, אַן איש אלהים איך וואָלט געוועזן,
פון נביאי שקר מיך אונטערצושיידן,
„ואם אין מחני”, ווי משה אויסגעשריגן,
נאָך דעם חורבן וואָס געקומען אויסצומיידן —

איידער דער „נביא לגויים” אַצינד צו בלײַבן,
גלײַכער געווען די צונג פון קעל אויסצושנײַדן — — —

אויסגעשטאָכענע אויגן ס׳מוז שוין אַ זוינער האָבן,
קוקן אין פּנים פון פאָלק, אין זײַנע לײַדן,
זײַנע ביטערע יסורים און פּײַן צו צוזען
און פון אַ גאָט־גערעכטן משפּט צו ריידן — — — — — — — — — — —

ניִשט קיין קול מער צו הערן, ניִשט קיין געכאָרכל —
אַ געהייל פון אַ שאַקאַל אין מדבר סיידן:



„אודאי איז עס אַ ווידוי, כ׳ליג דאָך אין שטאַרבן,
אַ נביא און בן אדם בלויז געבליבן — — —
ניִשט אין גאָטס וואָרט — ס׳איז מיר געגאַנגען אין מײַן נאָמען,
איבער מײַנע רייד כ׳זאָל אים זען אויפגעשריבן — — —

„יאָ, צוריקקערן וועט דאָס פאָלק, דאָס הייליקע,
ווײַל נאָר אין מײַן זינד ווערט עס אַצינד פאַרטריבן — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —”

זײַנע אויגן זעען נאָך אַלץ ברוך בן נריה,
כאָטש ס׳האַרץ זײַנס האָט זיך שוין קיין ריר ניִשט מער געגעבן,
און איבער זײַנע ליפּן־טויט־בלאַסע, פאַרביסענע,
האָט שטראַליקע פרייד ניִשט אויפגעהערט צו שוועבן:

ווי דער הימל, ווי די זון און די שטערן, ווי גאָט,
זײַן וואָרט און זײַן פאָלק אייביק זיי וועלן לעבן.

## לעא קעניג

# א שרייבער פון א גאַנץ יאָר...

(אַ פּאָר ווערטער וועגן משה קליינמאַן)

ס׳איז דאָ אין אונזער יידיש דער שיינער אויסדרוק „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר”. ס׳איז אונגעפער ענליך צו דעם ענגלישן „מען אין טהע סטריט” און דעם העברעאישן „אדם בשוק”. אָבער דער יידישער „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר” איז דאַכט זיך מיר פיל רייכער, בילדליכער און כאַראַקטעריסטישער.

ווען איר זאָגט „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר” דערזעט איר גלייך, דאַכט זיך, אַט דעם יידנס ניט איבעריק געפלעגטע באָרד, זײַן פאַרזאָרגטקייט, זײַן גיין אין שפּאַן, אינם גרויען שפּאַן פון טאָג טעגליכקייט. איר דערזעט באַלד פאַר זיך איינעם פון די דורכשניט־מענטשליכע פּנימער, וואָס דער רוב קינסטלער האַלטן אַז זיי זײַנען „ניט אינטערעסאַנט” אָדער אַז „ס׳איז זיי שווער צו מאָלן” ווײַל אין זיי איז גאָר ניטאָ קיין קאַריקאַטורעלעס און אויסערגעוויינליכעס „זיך אַנצוכאַפּן”... און דער עיקר ווען איר זאָגט אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, רופט עס גלייך אַרויס אין אײַער געדאַנק זײַן היפוך, ד״ה אַז ער איז ניט פון די געפּוצטע שבת־יום־טובדיקע יידעלעך און „שיינע יידן” פון אַלע מינים. . . .

אָבער וואָס איך וויל איצטער זאָגן איז אַז פּונקט ווי עס זײַנען פאַראַן „יידן פון אַ גאַנץ יאָר” זײַנען אויך פאַראַן „שרייבער פון אַ גאַנץ יאָר”... שרייבער, וואָס טוען זיך ניט אָן קיין יום־טובדיקע זשופּיצע אָדער שטריימלעך ווען זיי זעצן זיך שרייבן, וואָס כאַפּן ניט קיין מלאכים ווען זיי זיצן בײַם שרייב־טיש, אָדער ריכטיקער בײַ זייער „דעסק”.

שרייבן איז זייער מלאכה, זייער פאך און זייער געשעפט. און זיי ווייסן אז זיי דארפן זייער ארבעט טון ווי געהעריק... ווי גוטע פאך־לייט, בעלי מלאכות....

ניט קיין יום־טובידקע שרייבער, נור שרייבער פון א גאנץ יאר....

• • •

אייגנטליך וואלט מען געקענט זאגן אז דער זשורנאליסט (להיפוך צום נאוועליסט און בעלעטריסט) איז א שרייבער פון א גאנץ יאר, אבער דאס וואלט ניט געווען אינגאנצן אמת, ווייל אויך צווישן נאוועליסטן, בעלטריסטן און אפילו דיכטער זיינען דא שרייבער פון א גאנץ יאר, ד״ר מענטשן, אפטמאל באמת טאלענטירטע, וואס ווייסן אז זיי קענען און דאפן שרייבן דערציילונגען אדער געדיכטע, און וואס טוען זייער ארבעט בשלימות ווי א פאך לויט זייערע כוחות און פייאיקייטן, אן איבעריקע אנשטעלן, נור זאכליך און פראקטיש... (די אייראפעאישע ביכער מארקן און ליטעראטורן זיינען פול מיט אזעלכע „נאוועליסטן און שרייבער פון א גאנץ יאר“, וועלכע זיינען אפילו ניט „זשורנאלעסק“, ווי מען דריקט זיך אויס, אין זייער סטיל און ארט שרייבן); פונקט אזוי זיינען פאראן זשורנאליסטן, וואס טוען זייער טאג טעגליכע, זשורנאליסטישע ארבעט דווקא יום־טובדיק מיט גרויסע זשעסטן און גוואלדן, גלייך ווי זיי וואלטן באאיינפלוסט און געענדערט די פאליטיק פון זייער לאנד, פון דער וועלט... (אפאר אזעלכע זיינען געווען און זיינען פאראן אין א״ע שפראכן און לענדער). מיט אייןווארט ניט אלע זשורנאליסטן, און ניט בלויז זשורנאליסטן קענען באצייכנט ווערן אלס „שרייבער פון א גאנץ יאר“....

די באצייכנונג פון א שרייבער פון א גאנץ יאר איז גיכער פארבונדן מיט א אינדיווידועלן טעמפעראמענט און געמיט ווי מיט דעם ליטעראטור־געביט, ריכטונג אדער דער שפראך:

אט איז, צום ביישפיל, ביז לעצטן ביי אונז העברעאיש פארעכנט געווען ווי א יום־טובדיקע שפראך און יידיש ווי א וואכנדיקע, פראסטע, טאג־טעגליכע שפראך... ס׳איז געווען גענוג איינער זאל שרייבן העברעאיש און מען זאל אים באטראכטן ווי א מין „כהן“: וואס הייבט עפעס א שרייבער אין דער הייליקער שפראך; און ווידער אויף יידישן שרייבער איז מען געוווינט געווען צוקוקן ווי אויף א וואכנדיקן שרייבער, באשר ער שרייבט דאך אין א וואכנדיקער שפראך, אין „א שפראך פון א גאנץ יאר“... אבער דאס איז געווען ביז לעצטן, ווען דער דורכשניט טיפ פונם „יידן פון א גאנץ יאר“ איז דווקא געווען א מין סארט ראמאנטיש־יום־טובדיקער ייד, און אידער... די העברעאישע שפראך האט אנגעהויבן שטרעבן, געצווינגען פון ווירקליכקייט, צו ווערן דווקא א וואכנדיקע, טאג טעגליכע שפראך....

• • •

אין אונזער העברעאישער און יידישער ליטעראטור און פרעסע איז דער ערשט פארשטארבענער באוואוסטער פובליציסט, זשורנאליסט און מחבר פון די ליטעראטור־היסטאריש־קריטישע עסייען „דמויות וקומות“ — משה קליינ־



מאן געווען, דוכט מיר, דער עכטער, טעמפעראמענטאלער „שרייבער פון א גאנץ יאר“.

ווען מען זאל זוכן אין אונזערע נאציאנאלע שפראכן דעם עכטן, רעפרעזענטאטיוון „שרייבער פון א גאנץ יאר“ וועט מען דאכט זיך קיין בעסערן און עכטערן מוסטער ווי משה קליינמאן ניט געפינען...

און אין אט דער עכטקייט און גאנצקייט זיינער אלס „שרייבער פון א גאנץ יאר“ — איז גלויב איך, זיין אויסגעצייכנטקייט...

משה קליינמאנס שריפטשטעלערישער טלית האט ניט געהאט קיין עטרה... ס׳איז געווען א איינפאכער טאג־טעגליכער, וואכנדיקער טלית, אין וועלכן מען דאוונט א גאנץ יאר, שמירט די רעדער אונטערוועגנס, און מען האנדלט אונטער ווען ס׳איז נויטיק....

און ניט צוליב פחיתת הכבוד, חלילה, צום העברעאישן אדער יידישן ווארט, אין זיין שרייבן — אין יידיש און העברעאיש — האט משה קליינמאן זיך באצויגן מיט דעם גרעסטן דרך ארץ צו דער קלארקייט פון ווארט און זאץ און אלס „קורא ותיק“ האט ער אפשר מער ביכער — יידישע און העברעאישע — רעצענזירט און מיט מער סימפאטיע, ווי סיי וועלכער יידישער און העברעאישער ליטעראטור־קריטיקער.

ער איז געווען „דער שרייבער פון א גאנץ יאר“, ווייל זיין שרייבן איז געווען זיין פאך, זיין פרנסה, זיין לעבן... משה קליינמאן, קען מען זאגן, האט געשריבן יומם ולילה פאר א האלבן יארהונדערט און אפשר מער...

און אפילו ווען ער איז געווען דער רעדאקטאר פונם אפיציעלן, צענטראלן ציוניסטישן ארגאן „העולם“ האט איר משה קליינמאנען שטענדיק געפינען ביי די פרעס־טישן פון די פארשידענע ציוניסטישע קאנפערענצן און קאנגרעסן און ניט אויף פלאטפארמעס מיט אמתע און אזוי גערופענע גדולים און פירער.

משה קליינמאן האט זיך פריער פאר אלעמען און הויפטזעכלעך באטראכט „ווי א מענטש פון דער פעדער“, ווי א „טרושעניק פערא“... און ער האט קיינמאל ניט, ווי אייניקע אנדערע אין אלע שפראכן און ביי אלע פעלקער, אנגעהויבן מיט דער פעדער כדי צו מאכן אן אנדערע קאריערע... פון זינט ער האט ווי א יונגער משכיל אויפגעגעבן מסחר און זיך געשטעלט אין דינסט דער נאציאנאלער השכלה און דער ציוניסטישער באוועגונג מיט זיין פעדער, איז ער געבליבן נור שרייבער יידישער און העברעאישער זשורנאליסט און פובליציסט...

קיין אנדער „טיטל“ ווי שרייבער האט משה קליינמאן ניט געהאט און ניט געזוכט... מען קען ניט זאגן משה קליינמאן דער דענקער, דער פירער; אפילו דער טיטל „געזעלשאפטליכער, צו קולטור טוער“ פאסט זיך ניט צו משה קליינמאנען... משה קליינמאן איז געווען נור שרייבער, און יעדן שרייבערס און זשורנאליסט׳ס קאלעגע, אדער „חבר לעט“, ווי ער האט זיך ליב געהאט אויסצודריקן.

„דער שרייבער פון א גאנץ יאר“ — משה קליינמאן.

אַ שרייבער פון אַ גאַנץ יאָר און... אַ „נאָרמאַלער“ שרייבער איז משה קליינמאַן געווען; אויף וויפיל מיר ווייסן האָט ער קיין גרויסע גייסטיקע און מאַטעריעלע טראַגעדיעס ניט דורכגעמאַכט אין זיין לאַנג פאַרגלייכמעסיק נאָרמאַל און פרוכטבאַר לעבן... מיט דעם זאַכליך־רעאַליסטישן חוש פונם יידן פון אַ גאַנץ יאָר, האָט ער זיך באַקוועם איינגעאָרדנט אַלס שרייבער... ער האָט ניט געוואוסט פון עליות און ירידות. פון צו גרויסע ספקות זוכענישן און בלאָנזשענישן פון וועלכע אַנדערע שרייבער האָבן געליטן אָדער געמיינט אַז זיי האָבן געליטן... און ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעלעבט און אויסגעלעבט אין זיין שרייבן לויט די השגות און אידעאָלאָגיעס פון דעם שטאַנד ביי דעם פאָלק צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט... און אין אַ טיפער און בכבודיקער עלטער האָט ער דערלעבט צו זען זיין געבאַטענעם אידעאַל פאַרווירקליכט.

## אליהו פאלושאק

### בערלין — מאָסקווע — ירושלים (זעקסטער קאַפּיטל)

וואוהין דאָך האַלט איר וועג אין נאַכט אַ מחנה, ברויזענד ווי אַ ים?
און ס'ענטפערט עמיצער: ווער ווייס, ווער ווייס. וואוהין עס ציט אַ שטאַם...
מנחם באָריישאַ, „דער מאַרש“ פון דעם בוך „אַ רינג אין דער קייט“

ס'זיינען דאָ נאָר צוויי מעטאָדן אין דער היינטיקער פּאָליטיק בנוגע יידן: די היטלערישע מעטאָדע פון פאַרניכטונג און אויסראָטונג אָדער די מעטאָדע פון פאַרשטענדיקונג, אָרענטלעכקייט און פּאַקטישער הילף.

אפשר איז אויך פאַראַן אַ דריטער וועג? דער וועג פון חשד, אינטריגע ליגענט, פאַרדעכטונגען און טונקעלע מאַכינאַציעס. וואָס אויף דעם אויבערפלעכלעכן נאַאיוון מענטשן מאַכט עס דעם איינדרוק פון ערלעכקייט? אַזאַ מין דריטער וועג קען זיין געפערלעך פאַר ביידע צדדים: פאַר דעם, וואָס ווענדט אים אָן, און דעם צד שכנגד, קעגן וועמען די דאָזיקע מעטאָדע ווערט אָנגעווענדט.

נאָך דער באַענדיקונג פון דער לעצטער מלחמה האָבן מיר אויפריכטיק געגלויבט, אַז עס איז ענדלעך געקומען אַ סוף צו דער היטלעריסטישער מעטאָדע בנוגע יידן. מיר און אַנדערע נאַאיווע מיט אונדז האָבן געגלויבט, אַז מיט דער צעשטערונג פון אַלע באַסטיאָנען פונם פאַשיסטישן ראַסיאַליזם און פּאָליטישער רעאַקציע אין נאַצי־דייטשלאַנד, דעם אַמאָליקן פּוילן, דעם האָרטישן אונגאַרן און קוזאַ־רומעניע, וועלן במילא אויך זיין טויט פאַר אייביק די גיפטיקע אידעאָלאָגיעס. וועלכע האָבן צוגעפירט צו דער באַוואוסטער מאָראַלישער ירידה פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אין דער טראַגעדיע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אי פאַר דעם געווינען אַ מלחמה, און אי פאַר געווינען דעם שלום איז נויטיק אַ פּלאַן, אַ „בליו־פרינט“ בלע״ז, גענוי אויסגעאַרבעט ביז צום לעצטן



פּינטעלע. גרויסע סטראַטעגיסטן גרייטן צו פאַר אַ שלאַכט צוויי פּלענער: פּלאַן „א“ און פּלאַן „ב“. ווען אינדערמיט פון אַ שלאַכט שטעלט זיך אַרויס, אַז די אויספירונג פון דעם אָריגינעלן פּלאַן קען פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע, לאָזט מען דעם פּלאַן „א“ און מען זעצט פאָרט דעם אָנגריף אָדער די פאַרטיידיקונג לויט פּלאַן „ב“. ווען מיר דערמאָנען זיך איצטער די באַריכטן וועגן די שווערע קאַמפן אין דער צייט פון דער אינוואַזיע פון אייראָפּע אין זומער 1944 אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ, נאָרמאַנדי, און די בלוטיקע פאַרלוסטן, וואָס די אַליאירטע האָבן געליטן, ווייסן מיר, אַז אויך דאַמאָלט האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע גענעראַלן געהאַט אַן אַלטערנאַטיוון פּלאַן, אַ פּלאַן „ב“, ווען דער פּלאַן „א“ האָט נישט געהאַט געפירט צו די געהעריקע רעזולטאַטן.

אַזוי ווי די כחות פון די פרייע און דעמאָקראַטישע לענדער מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד צוזאַמען האָבן געוואונען די מלחמה, הייסט עס, אַז זיי האָבן געהאַט גוטע אויסגעאַרבעטע פּלענער, אַ גוטן „בליו־פרינט“. אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג. עס איז אויך געווען דער גרויסער אידעאַל פון פרייע שטאָלצע מענער און פרויען אין די פון היטלער נישט באַזעצטע לענדער, און פון פאַרשקלאַפטע און אונטעריאָכטע פעלקער. וואָס זיינען געווען גרייט אָוועקצוגעבן זייער לעבן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט און פאַר די חשיבות פונם מענטשלעכן מין. אָט דער אידעאַל איז געווען דער עמוד האש. וואָס האָט אַריינגעטראָגן האָפענונג און אינספּיראַציע ביז צום טאָג פון נצחון.

אין פאָלק נאָך דעם אַנדערן איז באַפרייט געוואָרן פונם שענדלעכן נאַצישן יאָך און האָט צוריקבאַקומען זיין זעלבשטענדיקייט. אפילו דאָס קליינטשינקע לוקסעמבורג. נאָר אַ דינאַסטיש לענדל אָן אַן אייגענעם עטנאָגראַפישן פּנים... די היימאַטלאָזע און די שקלאַפן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערס זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים צו זייערע לענדער, ווען זיי האָבן געוואָלט. פאַר די, וואָס האָבן צוליב פּאָליטישע און פּערזענלעכע סבות נישט געוואָלט צוריקגיין, פאַר זיי זיינען געוואָרן געשאַפן הונדערטער מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן אין פאַרשיידענע דאָמיניעס פון דער בריטישער אימפּעריע, אין דער גרויסער צפון־אַמעריקע, אין אַרגענטינע, בראַזיליע, טשילע און אַנדערע קאַטוילישע באַהערשטע דרום־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן.

עס איז דאָך פאַר אונדז נישט קיין חידוש. אַז דער רוב פון דער שארית הפליטה אין די לאַגערס איז אייראָפּע־מיד. זייער געזונטער חוש רעוואָלטירט קעגן דעם געדאַנק פון אויפבויען אַ נײַ־לעבן אין אַן אייראָפּע, וואָס איז דער בית הקברות פון די מיליאָנען פאַרטיליקטע.

עס זיינען נאָך נישט פאַרלאָפן דריי יאָר זינט דער באַקאַנטער אונראַ־העלד, דער בריטישער גענעראַל מאָרגאַן האָט אויסגעפּויקט פאַר דער וועלט דעם סקאַנדאַל פון אַ יידישן יציאת אייראָפּע. די גרויסע פרעסע האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיקע סענסאַציע און דערציילט פּרטים, ווי אַזוי די יידישע פליטים אין די לאַגערן האָבן די העזה צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אויסבראָך און מאַסן־אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע קיין... פּאַלעסטינע. משונהדיקע ידיעות

זיינען אויסגעפויקט געוואָרן אויף אַן אופן, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אויסטערלישן פאַרברעכן, וואָס „דער אפשוים פון די מזרח־אייראָפּייאישע געטאָס״ * איז בדעה אָפּצוטון לגבי זיינע אייראָפּייאישע מיטמענטשן.

עס איז היינט שוין צו שפּעט צו דיסקוטירן איבער דעם פּראָבלעם צו אַ יידיש היימלאַנד אָדער יידישע מלוכה זיינען אַ מעגלעכקייט אָדער אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם קיום פונם יידישן פאָלק. אַזעלכע דיסקוסיעס האָבן נאָך געקענט האָבן זייער באַרעכטיקונג ביז 10־12 יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער יידישער ישוב, אָרגאַניש געוואַקסן מיט אייגענע כחות, איז שוין געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר מיט צען יאָר צוריק, און ווען ער איז געוואָרן דער לעבעדיקער אייביק־וואַקסנדער פּראָגרעסיווער אָרגאַניזם אינם נאָענטן מזרח, איז געקומען די שוואַרצע באַשווערונג פונם בריטישן ווייס־בוך (אינם יאָר 1939), וואָס האָט געזאָלט קריפּלען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און וואַקסן פון דעם דאָזיקן אָרגאַניזם. צום טראָץ פון אַלע שיקאַנעס און רדיפות איז מדינת ישראל אַ פאַקט, אַ לאַנד מיט אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן פּנים, אַן אייגענער עקאָנאָמיק און שטאַרקע פאַרטיידיקונגס־כחות, וואָס האָט געקאָנט אָפּשלאָגן אַלע אָנגריפן פון דער אויפגעהעצטער אַראַבישער ליגע.

מיר לעבן אין אַן אויפגערעגטער צייט, אין אַזאַ צייט פעלט אָפט די געזונטע באַאורטיילונג פון מעשים און געשייענישן. מען האָט געלייענט אַזויפיל וועגן דער נאָבעלער טאַט פון דער באַלפור־דעקלעראַציע, אָט דעם דאָקומענט, אויף וועמענס יסודות עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די יידישע נאַציאָנאַל־היים און פון וואָס ס'איז אויסגעוואַקסן אַ פּראָגרעסיווע מדינת ישראל.

אַן אמת, איז, וואָס מיר ווייסן היינט, אַז דער יידישער ישוב אינם לאַנד פּאַלעסטינע איז געוואַקסן אונטער די אויגן פון דער בריטישער קאָלאָניאַל־ און מאַנדאַטן־מאַכט, אָבער אין דער זעלביקער צייט קעגן איר ווילן. אַלע געשייענישן אין און אַרום ארץ ישראל אין די לעצטע צוועלף יאָר אָדער נאָך לענגער זיינען דער בעסטער באַווייז אַז גרויס־בריטאַניע האָט נישט געוואָלט אַ יידיש פּאַלעסטינע. דער יידישער אויפבוי אין ארץ ישראל איז דאָס גרעסטע און מאָדערנסטע קאָלאָניאַל־ווערק פון דער היינטיקער צייט. עס איז פּשוט ווי אַ נס! דער אָרגאַנישער אויפבוי פונם ישוב איז געווען ווי אַ קאַמף קעגן שטאַרקע נאַטור־געוואַלטן: די ים־פּלוטן ביי די ברעגעס און דייכן אין האָלאַנד און די געפערלעכע זאַמד־דונעס ביי די מזרח־ברעגעס פונם באַלטישן ים.

ס'איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז אי פאַר געווינען אַ מלחמה אָדער שלום איז נייטיק אַ פּלאַן, אַ „בליו־פּרינט״, און אַז טאָמיר שטעלט זיך אַרויס, אַז דער צוערשט אויפגעשטעלטער אָריגינעלער פּלאַן איז נישט אויספירבאַר, מוז שוין זיין צוגעגרייט אַ צווייטער פּלאַן, דער פּלאַן „ב״. דוכט זיך מיר, (און איך בין איבערצייגט, אַז איך האָב נישט קיין טעות) אַז בנוגע דעם ענין פּאַלעסטינע, מדינת ישראל און אַראַבישע לענדער האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע מיניסטאָרן און הויכע באַאַמטע פונם בריטישן אויסערן־און קאָלאָניאַל־מיניסטעריום גע־

* אַ „קאָמפּלימענט״ פון אַן ענגלישן אַדוואָקאַט אין דעם בעלזן־פּראָצעס



האָט איין באַשטימטן פּלאַן. זיי האָבן אַלע זייערע וועטן געזעצט אויף איין קאָרט. די סימפּאַטיעס פונם אָפיציעלן ענגלאַנד איז געווען אויף דער זייט פון די אַראַבער, נישט מחמת זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי, די אַראַבער, זיינען בעסער פון אונדז יידן, נאָר ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז אַ געאייניקטער אַראַבישער בונד מיט אַזעלכע געוואַלטיק־גרויסע טעריטאָריעס און זאַמד־פּושקעס מיט אייל וועט זיי פאַרשאַפן אומצייליקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אינם נאָענטן מזרח.

יאָ, זיי האָבן אַלץ געזעצט אויף איין קאָרט, און מיר זיינען נישט שולדיק אַז זיי האָבן פאַרשפּילט, מאָראַליש פאַרשפּילט. עס איז גוט און יושרדיק, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט! וואָרום וואָלטן זיי געוואונען, די פינצטערע כחות אינם נאָענטן מזרח, וואָלטן זיי נישט סתם מיט ווערטער, נאָר פאַקטיש אַריינגעטריבן די יידן אין ים אַריין.

די גאַנצע אַנטוויקלונג פון געשייענישן פון דער צייט פון ווייסבוך אינם יאָר 1939 ביז צום לעצטן טאָג האָט באַוויזן, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בנוגע פּאַלעסטינע געהאַט נאָר איין פּלאַן און ווייטער גאָרנישט. אַלע די קאָנפערענצן, רונדע־טיש־באַראַטונגען און פּלאַנירונגען זיינען געווען פאַרשלעפּטע קרענק און אָפּלענקונגס־מאַנעוורן. מיר יידן האָבן דערביי גאָרנישט געוואונען. אינם קעגנטייל, די אַראַבישע מלוכות און סאַטעליטן זיינען געוואָרן שטאַרק דערמוטיקט אין זייער קאַמף קעגן אונדז.

היינט איז דאָס בילד אַן אַנדערש. נישטאָ מער קיין אַראַבישע ליגע! אַלע מוזן אָנערקענען דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן נצחון פון דער יידישער זאַך און דער מדינת ישראל. און דער פּועל יוצא דאַרף זיין דער זעלביקער, ווי ביי דער לעצטער וועלט־מלחמה: דער זיגער האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען גאַראַנטיעס פון די באַזיגטע לטובת דעם קומענדיקן שלום.

און אַז ס'איז אַזוי געקומען, האָט די יונגע מלוכה מיט דעם נאָמען מדינת ישראל נישט ווייניק צו פאַרדאַנקען אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן־מלוכות, ווייל זיי האָבן מיט זייער באַלדיקער אָנערקענונג געשטאַרקט דעם רוקן־ביין און דעם פּרעסטיזש פון דעם פּראָגרעסיווסטן מלוכה־קעמפער אינם נאָענטן אָריענט.

נישט ווייניקער צו פאַרדאַנקען (אָדער אפשר נאָך מער) האָט די נייע מדינה איר קיום און אויסהאַלטן די צוויטע און צושפּרייטע און דאָך שטאַרק־אָרגאַניזירטע כחות פונם יידישן פאָלק, פאַר וועמען דאָס וואָרט: ארץ־ישראל איז נישט עפּעס סתם אַ קלאַנג פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ סימבאָל פון פאָלקס־עקזיסטענץ און אייגענער היים, אויפגעבויט אויף די יסודות פון פּראָגרעס, סאָציאַליזם און יושר.

„וואוהין דאַך האַלט איר וועג אין נאַכט אַ מחנה ברויזענד ווי אַ ים?״ וועט עמיצער ענטפערן: „נישט קיין ציפּרוס און נישט קיין ציילאָן, נישט קיין דאַכאַו און בערלין״... צום אייביקן ירושלים וועלן ציען לעבעדיקע רעשטלעך פון אַן אייביק פאָלק.

(סוף)

## זיי דאַרפֿן הענגען!

דעם 12־טן נאָוועמבער (47), האָט דער ענגלישער מיניסטער (געוועזענער) פֿאַר דייטשלאַנד, לאָרד פּעקענהיים, ערקלערט אין לאָרדן־הויז, אַז די דייטשע ס.ס.־לייט, וועלכע דערוואַרטן זייערע פּראָצעסן וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן פֿריי, אויף אַ „פּאַראָל“. בלויז אַ קליינע צאָל ס.ס.־לייט, וועלכע זיינען באַקאַנט אַלס שעדליכע כאַראַקטערן וועלן פֿאַרהאַלטן ווערן. (ניוס קראָ. 13 נאָוו. 1947).

דאָס גלייכן איז דער ליבעראַלער „סטאַר“ (4 דעצ. 47) אַרויסגעקומען מיט אַ שמחה, אַז דער באַשלוס פֿון די אַמעריקאַנער מיליטערישע אויטאָריטעטן, צו פֿאַרענדיקן די פּראָצעסן אין דעם דאַכאַו׳ער קאָנצענטראַציע־לאַגער קעגן די דייטשישע רוצחים, דעם 31 דעצעמבער, איז ווערט צו באַגריסן. נאָך מער ווי צוויי יאָר פּראָצעסן, שרייבט ווייטער דער „סטאַר“, איז די צייט געקומען, אַז מען זאָל זיך מער קאָנצענטרירן אויף דערציאונג, אידער אויף שטראָף־מיטלען אין דייטשלאַנד. אַלע גרויסע מלחמה־פֿאַרברעכער אין די הענט פֿון די פֿאַראייניקטע האָט מען ערליידיקט(?). אויב עטליכע קליינע פֿישעלעך האָבן אויסגעמיטן זייער שטראָף, דאַרף עס אונדז ווייניקער קימערן, ווי די וויכטיקייט צו לערנען די דייטשן צו לעבן ווי ציוויליזירטע מענטשן. די צייט פֿון שטראָפֿן איז אַריבער א.ז.וו. א.ז.וו.

קלערער פֿאַרשטאַנען הייסט עס אַזוי: אַלע גרויסע דייטשע מלחמה־פֿאַרברעכער האָבן שוין באַקומען זייערע פֿאַרדינטע שטראָפֿן. אַלע שולדיקע דייטשן אין דערשיסן די 50 ענגלישע פֿליהער, זיינען „אויסגעזוכט געוואָרן פֿון אונטער דער ערד“ און באַקומען זייער פּסק; יעדער קלענסטער פֿאַרברעכן מצד אַ דייטש קעגן אַ מיטגליד פֿון די באַוואָפֿענטע כּוחות פֿון די פֿאַראייניקטע, איז אויפֿגעמאַנט געוואָרן; די שולדיקע דייטשן אין דער איינציקער קריסטלעכער „לידיצע“ (מער איז נישט געווען ווי איין „לידיצע“, וואָרים, וואָלט געווען מער וואָלטן מיר געהערט פֿון זיי...) זיינען געזעצט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. אפֿילו די עוולה פֿאַר דערשיסן עטליכע הונדערט „פֿיינטלעכע“ איטאַליענער איז אויך אויפֿגעמאַנט געוואָרן פֿון פֿעלד־מאַרשאַל קעסעלרינג וועלכער איז פֿאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט (6 מאַי 47) און דער טויט־פּסק איז שפּעטער פֿאַרביטן געוואָרן אויף תּפֿיסה.

פֿאַרבליבן זיינען, הייסט עס, בלויז די קליינע פֿישעלעך, וועלכע ס׳איז געלונגען אויסצומיידן זייער שטראָף, טאָ וועמען קימערט עס, ווייס־איך־וואָס, אַבי די גערעכטיקייט האָט טריאומפֿירט איבער די גרויסע פֿאַרברעכער קעגן „הומאַניזם“ און „מענטשליכקייט“...

טאָ ווער זיינען עס די „קליינע פֿישעלעך“ און ווער זיינען עס זייערע קרבנות, וואָס זיי האָבן איינגעשלונגען...? — אויב עס אינטערעסירט אייך, אדרבא, ואדרבא! קומט לאָמיר אויפֿהייבן דעם פֿאַרהאַנג פֿון עקראַן, און זאָלן



די בילדער לויפֿן; בילדער פֿון די פֿאַרשטויבטע אַרכיוון, וועלכע זיינען, לײדער, שוין פֿאַר׳יתומט און פֿאַרגעסן געוואָרן.

עס איז אַ גבֿית־עדות, אַ מין מסיח לפי תומו, פֿון די דייטשישע רוצחים גופֿא; אַ שוידערליכער דאָקומענט פֿון דער פּינסקער שחיטה, וואָס איז געפֿונען געוואָרן, צווישן די פּאַפּירן, אין הויפּט־קוואַרטיר פֿון דעם פּופּצנטן דייטשישן פּאָליציי־רעגימענט.

### דאָקומענט פֿון פּינסקער שחיטה*

„דעם 27־טן אָקטאָבער, 1942, האָט אונזער קאָמפּאַניע באַקומען דעם באַפֿעל: „גיין קיין קאָברין“.

„דעם 28־טן אָקט. 1942, אַרום 21 אַ זייגער זיינען מיר אָנגעקומען אין לאָסט־אויטאָס קיין קאָברין און פֿון קאָברין, געוואָרן פֿאַראָרדנט, צו מאַרשירן קיין פּינסק. די קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען אין דער מערבֿ־זייט פֿון פּינסק, דעם 29־טן אָקט. 4 אַ זייגער.

„אַ קאָנפֿערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי דעם רעגימענט־קאָמאַנדיר פֿון פּינסק און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז 2 באַטאַליאָנען, דער צווייטער באַטאַליאָן פֿון דעם 15־טן פּאָליציי רעגימענט און דער צווייטער קאַוואַלעריע סקוואַדראָן, זאָלן האַלטן די וואַך אַרום דער שטאָט. — אין דער צייט, ווען די 10־טע קאָמפּאַניע פֿון דעם 15־טן פּאָליציי רעגימענט און די 11־טע קאָמפּאַניע פֿון 11־טן פּאָליציי רעגימענט מינוס 2 פּלאַטונס — וועלן אַדורכפֿירן די זוכונג און רייניקונג פֿון דער געטאָ.

„די 11־טע קאָמפּאַניע פֿון 11־טן פּאָליציי רעגימענט, מינוס דעם ערשטן פּלאַטון זיינען געוואָרן פֿאַראָרדנט צו היטן דעם זאַמלונגס־פּלאַץ. די „קאָנוואָיס“ אויף דעם שחיטה־פּלאַץ, וועלכער איז געווען 4 מייל פֿון שטאָט; ווי אויך צו אַרומקאָרדאָנען דעם עקזעקוציע־פּלאַץ גופֿא. פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק זיינען אויך באַנוצט געוואָרן די קאַוואַלעריע. די דאָזיקע אָנגענומענע פֿאַרזיכערונגס־מיטלען, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זער נוצליך, ווען אַ 150 יידן האָבן געפּרובט אַנטלויפֿן; אַלע יידן זיינען געכאַפּט געוואָרן פֿון דער וואַך.

„לויט דער פֿאַראָרדענונג האָט די רייניקונג פֿון דער געטאָ, געזאָלט זיך אָנפֿאַנגען 6 אַ זייגער, אָבער צוליב דער פֿינסטערניש איז דאָס געוואָרן אָפּגעלעגט אויף אַ האַלבער שעה.

„ווען די יידן פֿון פּינסק האָבן דערפֿאַרן, וואָס עס גרייט זיך פֿאַר זיי, האָבן גרויסע מאַסן יידן, פֿרייוויליק צונויפֿגעקליבן זיך אין די גאַסן, און מיר האָבן געהאָט די מעגלעכקייט צו נעמען עטלעכע טויזנט יידן צו דעם פֿאַרזאַמלונגס־פּלאַץ אין דער ערשטער שעה פֿון רייניקונג־פּראָצעס.

„ווען די איבערגעבליבענע יידן האָבן דערזען וואָס עס גייט אָן האָבן זיי זיך פֿרייוויליג אָנגעשלאָסן אָן די מאַרשירנדיקע קאָלומנען יידן, אַזוי, אַז די פּאָליציי, וואָס האָט געהיט דעם זאַמלונגס־פּלאַץ איז נישט געווען אומשטאַנד אָפּצוציילן די גרויסע צאָל יידן.

* איינציקע דאָקומענט־אויסצוגן וואָס איליאַ ערענבורג האָט, פֿעברואַר 1944, מפֿרסם געווען.

„מיר האָבן געהאַט אויסגערעכנט אויפן ערשטן טאָג אויף 1000 ביז 2000 יידן. אָבער דער רעזולטאַט האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די ערשטע רייניקונג־אַקציע האָט זיך געענדיקט נאָך 17 שעה אַרבעט אָן שום אינצידענטן. — און אַרום 10.000 (צען טויזנט) יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם ערשטן טאָג.

„דעם 30־טן אָקט. 1942, איז פאָרגעקומען די צווייטע רייניקונג פון דער געטאָ. דעם 31־טן אָקט.—די דריטע רייניקונג, און דעם 1טן נאָוועמבער, 1942, איז פאָרגעקומען די פערטע רייניקונג פון דער געטאָ. אַרום 15.000 יידן זיינען צונויפגעטריבן געוואָרן אויפן זאַמלונגס־פּלאַץ. קראַנקע יידן און קליינע קינדער, וועלכע זיינען נישט אַרויסגעקומען פון זייערע היי־זער זיינען גע־הרג׳עט געוואָרן אין דער געטאָ גופא. מיט איין אויסנאַם, איז דאָ אויך נישט פאָרגעקומען קיין אינצידענטן. [און נאָך אַ 15.000 (פופצן טויזנט) יידן זיינען געפאַלן טויט—וו.]

„אין שייכות מיט די פאַקטן, אַז יידן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דאָס באַהעלטעניש פון זייער גאָלד האָט מען געשענקט דאָס לעבן (אַ דייטשישער שווינדל—וו.), האָט איין ייד געמאָלדן, אַז ער האָט באַהאַלטן אַ סך גאָלד. איינער פון אונזערע קאָמענדאַנטן, איז מיטגעגאַנגען מיטן ייד צו ברענגען דאָס גאָלד. דער ייד האָט געהאַלטן אין בלייבן הינטערשטעליג אויפן וועג. לסוף האָט ער געוואָלט, אַז דער קאָמענדאַנט זאָל מיט אים אַרויפגיין אויף אַ בוידעם־שטיבל. דער קאָמענדאַנט האָט דעם ייד צוריקגענומען צום פּלאַץ. דער ייד האָט נישט געוואָלט זיצן רוהיק אויף דער ערד, ווי אַלע יידן. און לסוף האָט דער ייד זיך פּלוצלונג געגעבן אַ וואָרף אויף אַ קאַוואַלעריסט, אַרויסגעריסן פון אים דעם ביקס און אים אָנגעהויבן צו שלאָגן. די סאָלדאַטן פון דער קאָמפּאַניע האָבן דעם ייד דער־הרג׳עט. דערלאַנגנדיק אים מיט אַ האַק איבערן קאָפּ.

„דעם 1־טן נאָוו., 5 פאַרנאַכט, איז די קאָמפּאַניע פאַראָרדנט געוואָרן צו פאַרמירן אַן אויסגעוויינטלעכסטן קאָרדאָן. דאָ איז נישט געווען קיין שום ספּעציעלע אינצידענטן. דעם 2־טן נאָוו. 1942, 8 פרי, איז די קאָמפּאַניע געוואָרן באַפרייט פון פּינסק און אַוועקגעשיקט צו איר פּאָסטן. די קאָמפּאַניע האָט דערגרייכט קאָברין 1 בייטאָג און במשך פון 17 שעה ווידער פאַרנומען איר פּאָזיציע.

„ב אַ מ ע ר ק ו נ ג ע ן:

„1.—אַפּטיילונגען וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויסרייניקן און אונטערזוכן געטאָס, מוזן האָבן מיט זיך העק און ענליכע געצייג צו עפענען פאַרשלאָסענע טירן א.א.וו.

„2.—אַפילו ווען עס איז נישטאָ קיין לייטער און קיין שום סימן פון טרעפּ וואָס פירן צום בוידעם, מוזן מיר אָננעמען, אַז דאָרט זיינען פאַראַן יידן באַהאַלטן און אַלע בוידעמער מוזן זאָרגפעליג אונטערזוכט ווערן.

„3.—אַפילו, וואו עס איז נישטאָ קיין קעלערס, איז אָבער אָנצונעמען, אַז גרויסע צאָלן יידן באַהאַלטן זיך אין לעכער אונטער דער פּאָדלאָגע. אַזעלכע ערטער מוזן אויפגעבראָכן ווערן, אָדער פּאָליציי־הינט זאָלן אַריינגעשיקט



ווערן אַהין. אין פּינסק האָט דער הונט „אַסטאַ“ געלייסטעט זער גוטע אַרבעט אויף דעם געביט. אַן אַנדער עצה איז אַריינצוואַרפן אַ גראַנאַט אין פאַרדעכטיקטן אָרט, וואָס וועט במילא הרג׳ענען די יידן וואָס באַהאַלטן זיך דאָרט. אָדער, עס וועט זיי אַרויסברענגען פון זייער באַהעלטעניש.

„4.—די ערד אַרום די הייזער מוז גוט אונטערזוכט ווערן, אויסגעפּרובט ווערן מיט שטאַרקע אייזנס, ווייל גרויסע מאַסן יידן באַהאַלטן זיך אין פאַרדעקטע גריבער.

„5.—עס ווערט רעקאָמענדירט צו באַנוצן קליינע יונגע יידישע קינדער, וועלכע זאָלן, פאַרן פרייז צו שענקען זיי דאָס לעבן, אָנווייזן וואו די יידן באַהאַלטן זיך.“

דער דאָזיקער שוידערליכער דאָקומענט פון דייטשישער רציחה און קאַלט געפּלאַנטן מאָרד, איז אונטערגעשריבן פון קאַפּיטאַן פון פּאָליציי־וואַך און קאָמפּאַניע־קאָמענדאַנט — ס אַ ו ע ר. — שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט און שר הטבחים פון ט ר ע ב ל י נ ק ע.*

* * * * *

די זעלבע, 11־טער און 15־טער, דייטשישע פּאָליציי־רעגימענטן, האָבן אין איין און דעם זעלבן יאָר, 1942, בלויז אויף איין שטח־אָפּשניט, אויף דער ליניע פּינסק־בריסק, וואו זיי האָבן אָפּערירט, בלי גוזמא, אויסגעמאָרדעט הונדערטער טויזנטער יידן; ווייל מען דאַרף נעמען אויך אין רעכענונג די יידן פון פּוילן, וואָס האָבן זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן אין די רוסישע פאַרנומענע געביטן ביז זומער 1941.

די אַלטע יידישע קהלות—פּינסק, מאָטעלע, דראָהיטשין, יאַנאָווע, חאָמסק, אַנטאָפּאָליע, האָראָדעץ, זשאַבינקע, קאָברין, בריסק א.א. זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם אויבערפלאַך פון דער ערד. די גרויליקע מיתות־משונות פון די יידישע מענער, פרויען און קינדער, איז נישט צו באַשרייבן.

* דער דאָזיקער דאָקומענט האָט, ליידער, געהאַט דעם זעלבן מזל ווי די פּינסקער יידן, די טעמע, „זיי האָרפן העגגען“ האָב איך נאָך אָנגעשריבן מיט איבער צוויי יאָר צוריק, איז דער אַרטיקל אָפּגעלעגן אין דער „וואָכענצייטונג“ אַ גאַנץ יאָר... און ווען דער „רעדאַקטאָר“ האָט זיך ענדלעך מיישב געווען, צו דרוקן עס אַלס „גוטע נייעס“, האָב איך דעם אַרטיקל פון אים צוגענומען. איך האָב דאַן, סוף 1947, דעם אַרטיקל איבערגעשריבן און געשיקט אין אַן אַנדער צייטונג. און איז אַלץ נישט געדרוקט געוואָרן. אפשר, אַז די „רעדאַקטאָרן“ האָבן בעסערע „ביזנעס“... עס דערמאָנט מיר אַ „פּיקאַנטע געשיכטע“, וואָס איך האָב געלייענט אין די מעמואַרן פון אַ רעדאַקטאָר, וועלכער דערציילט פון דעם דערפאָלג פון זיין צייטונג. איינמאָל פאַרן שליסן דעם נומער איז צו אים געקומען אַן אַלטער מאַן (ממש אַ שליח פון הימל...) און האָט אים איבערגעגעבן די „גוטע בשורה“, אַז ערגעץ וואו איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן. זיין צייטונג, פירט אויס דער רעדאַקטאָר, איז אויף מאָרגן אַרויסגעקומען מיט די צאַפּלדיקע פּאָגראָם־נייעס אויף דער ערשטער זייט, און איז צעכאַפּט געוואָרן ווי מצה־וואַסער... די אַנדערע צייטונג, וועלכע האָט די פּאָגראָם־נייעס נישט געהאַט אין מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען... זיין צייטונג האָט פּראָספּערירט... יאָ, אָבער פון מסחר׳ן מיט פּאָגראָם־נייעס, און פון מאַכן פּאָליטיק און געשעפט מיט יידן־שחיטות און יידיש־בלוט — צוליב דעם — איז אויך אַ האַלב יידיש פאָלק אונטערגעגאַנגען...!

פיל טויזנטער פון די אומגליקלעכע יידן, עלטערן מיט קינדער צוזאמען, זיינען לעבעדיקערהייד אריינגעווארפן געווארן אין די גרויסע ברענענדיקע קאלך־גריבער אין בראנא־גורא (ביי קארטוז־בערעזע), פשוטו כמשמעו, אמתע קאלך־אויוונס, און זיינען דארט אומגעקומען אין גרויס יסורים...

[דא פיל איך מיין חוב, צו מזכיר זיין מיין טאטען, ר׳ דוד, מיין מאמען, פייגל, און מיין איינציקע שוועסטער, פרומה־גיטל, (18 יאר אלט געווען) פון דראהיטשין, וועלכע האבן אויך געטיילט דעם זעלבן גורל, און זיינען לעבע־דיקערהייד פארברענט געווארן אין די אויבנדערמאנטע קאלך־אויוונס... הי״ד. —ד.וו.]

* * * * *

קלאר. אט האט איר דאס בילד :— די קליינע פישעלעך, און זייערע פאר־שלונגענע קרבנות... אט האט איר זיי, די „קליינע פישעלעך״, וועלכע האבן אויסגעמיטן זייער שטראף...! פארוואס הענגען נישט די דאזיקע העסלעכע, דייטשישע רוצחים? — זאגן די גויים, אז זיי קימערט עס נישט. נאטירלעך, די קרבנות זיינען דאך געווען יידן... און אפשר זיינען זיי גערעכט. פארוואס זאלן די גויים מאנען אונזער עוולה, אז אונז יידן קימערט עס אויך נישט...

איך רעד וועגן די דערמאנטע יידישע קהלות, אבער מיינען מיין איך אלע יידן פון אלע אויסגעמארדעטע קהלות. אין אונזער פאל, האבן מיר דא א גבית־עדות, א דאקומענט פון די רוצחים אליין, וואס זיי האבן אפגעטאן צו די יידן אין דעם דערמאנטן געגענט. מיר ווייסן זייערע נעמען און ווער די זיינען:

עס זיינען די רוצחים פון 11־טן און 15־טן דייטשישן פאליציי־רעגימענט! אלע, פון עלסטן אפיציר ביזן קלענסטן סאלדאט, זיינען זיי שולדיק אין דעם פארברעכן! עס איז לייכט אויסצוגעפינען זיי; ווארים די דאקומענטן פון זייער מארד, זיינען זיכער דא אין ארכיוו פון „וואר קריים קאמישאן״ אין נירעמבערג.

* * * * *

מיר ווענדן זיך דא צו די לאנדסמאנשאפטן און לאנדסלייט פון פינסק, מאטעלע, יאנאווע, דראהיטשין, חאמסק, אנטאפאליע, הארעדעץ, קאברין, זשאבינקע, בריסק, וואס ל ע ב ן בכל תפוצות הארץ! און נישט נאר די דא אויסגערעכנטע, — צו אלע גואלי־הדם, — [פון אלע דער׳הרג׳טע יידישע משפחות; און באזונדערס צו די, וועלכע שפירן נאך אן זייער אייגענעם דופק... און פילן נאך אן זייער אחריות פאר די אומגעקומענע...] — רעדן מיר:

גואלי־הדם, איר האט אויסצופירן א זער ה י י ל י ק ע שליחות! אויב איר ווילט ווערט זיין, אנצוגערופן ווערן די י ו ר ש י ם פ ו ן ד י ק ד ו ש י ם, טא ז י י ט מ ק י י ם ד י צ ו ו א ה פון אייערע פ א מ י ל י ע ס, וועלכע האבן פאר זייער טויט צו אייך גערופן: א י ר ז א ל ט נ ק מ ה נ ע מ ע ן פ א ר ז י י ע ר ב ל ו ט . . . !

די גואלי־הדם אליין, דארפן ברענגען צ ו ם מ ש פ ט ד י ר ו צ ח י ם פון זייערע משפחות...!

ד י מ ע ר ד ע ר דארפן און מוזן ה ע נ ג ע ן!



# ד״ר יעקב י. מייטלים

## אמעריקאנער נאטיצן

ג.—סוף

1. די פלעיאדע שרייבער.

אין און ארום דעם קולטור־קאנגרעס איז געשטאנען א גאנצע פלעיאדע פון ליכטיקע געשטאלטן, דאס שענסטע, וואס יידיש־וועלט פארמאגט היינט־צוטאג. שרייבער און דערציער, געלערנטע, אינטעלעקטואלן און גייסטיקע שליחי־צבור, וואס זיינען זיך צונויפגעקומען מיט דעם איינעם ברענענדיקן באגער און ווונטש פון עת לעשות... עס מוז עפיס געטאן ווערן. עס איז נישטא מער קיין צייט צוווארטן. די איינזאמקייט פון דעם שאפערישן יידישן מענטש ווערט אלץ גרעסער, די גייסטיקע כוחות אלץ מער אטאמיזירט און צוטרענ־צעלט און צוזאמען מיטן ביטערן דלות וואקסט א שרעקלעכע עם־הארצות און אפפרעמדונג. מוז מען טאקע אפשרייען די גזירה און טאקע נאך היינט, אידער ס׳ווערט צו שפעט, אפטאן א הלכה לדורות, שטארקן די יסודות פון דער קולטור, צונויפבינדן דעם נעכטן מיטן מארגן, ממשיך זיין די גרויסע ירושה פון אירעטוועגן און פון דעם כלל ישראל׳ס וועגן.

זיינען געזעסן די גייסטיקע פירער פון יידיש־פאלק אויפן קאנגרעס, ווי אמאל אין דער עלייה פון חנניה בן חזקיה אין לוד און געפרובט מתקן צו זיין א מין נייעם י״ח דבר. מ׳האט זיך לאנג געאמפערט, היים מתווכח געווען, גע־לאזט הערן הלכות, געזאגט דרש און מוסר, באקלאגט די ביטערע לאגע פון יידיש־ווארט און דערציונג און צום סוף אנגענומען א ריי וויכטיקע החלטות מיט סייגים פאר דער שטארקונג און דערהאלטונג פון דער מזרח־אייראפעישער יידישקייט, וואס דראט, אז זי זאל חלילה פארגעסן ווערן.

שטייט און רעדט צום קאנגרעס דער סאלידער, זאכלעכער ש. ניגער, א מלא וגדוש און עס קלינגען זיינע רייד ווי די פון אן אלטן בעל־הלכה, וואגיק, איבערצייגנדיק און אויטאריטאטיוו. זעט איר אויף דער טריבונע ה. לייוויקן א פלאמענדיקן, וואס דונערט מיט א קול פון א מוכיח און ציט אונטער דעם ביטערן סך־הכל פון אונדזער איצטיקער לאגע, זיצט עקעגנאיבער אים דער יוסטער, ליבער און לומדישער אפאטאשו, אונטערגעשפארט א האנט אונטער זיין קאנטיק, הארט פנים און הערט זיך אויפמערקזאם צו צו דעם שקלא וטריא פון דעם רוישיקן קאנגרעס. אט דא קוקן אייך אן א פאר ליכטיקע, תמימותדיקע אויגן פון דעם גוט־הארציקן, פאטערלעכן אברהם רייזן, וואס הערט זיך איין מיט א באזונדערן נחת־רוח, וואס די ייִנגע, זיינע תלמידים און נאכפאלגער האבן צו זאגן. ער, דער אמת׳ער אוהב ישראל באוואונדערט אלץ און אלעמען און פאר יעדן געפינט ער תמיד א גוט, א ווארים און א דערמוטיגענדיק ווארט.

דא וואקסט פאר אייך אויס דער אימפאזאנטער, אייביק־יונגער דוד פינסקי, מיט א רעדע פול מיט בטחון און פאטאס( וואס באגייסטערט און דערוואַרעמט. ווידער הערט איר זיך איין צו דעם לומדישן יעקב גלאטשטיין, אן אייראפעער

אין דער יידישער ליטעראַטור אין סטיל און לשון. אָדער עס רעדט מיט געקליבענע, אָפּט רמזים׳דיקע ווערטער און מיט אַ סך נשמה׳דיקייט א. גלאַנץ־לעיעלעס. צווישן זיי אַלעמען, ווי פון אַן אַנדערע וועלט שווימט אַפּויער דער אייביק־אומרויקער, תמיד פאַרבענקטער ז. סעגאַלאָוויטש, מיט אַן אויסדרוק פול ליידן און צער אין זיין פּנים. עפּיס ווי אין אַ זייט שטייט דער איינזאַמער, לירישער מאַני לייב אָדער דער זוכנדיקער, מיט אומרויקע בליקן, אין זיך־גייענדיקער נ. ב. מינקאָוו.

אָט שטייט אין זיין גאַנצער סטאַטור חיים גרינבערג, דער מאָדערנער תלמיד חכם און פיינזיניקער עסייאיסט. ווען ער רעדט איז ער אַ מעין המתגבר, ער איז מיט אייך אינטים, חבריש און זיינע ווערטער זיינען מלא טעם און טיפזיניק. יעקב לעשטשינסקי, פּקחותדיק און מיט אַ ים פון וויסן רעדט ווי אַ פּוסק, גייט ער מיט קליינע געמאָסטענע טריטלעך, גלייך ווי דער פּאַק מיט ציפערן פון יידן אין גאַר דער וועלט, וואָלט שווער געדריקט אויף זיינע דריבנע פּלייצעס. י. נ. שטיינבערג ווי תמיד אַ שטורעמדיקער און אַ שפּרודלדיקער, מיט אַ סך מענטשלעכקייט, שטייט אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט מאַכן פּלענער וועגן באַנוצן גרויסע עמיגראַנטן מאַסן אין דער נייער יידיש־טעריטאָריע. פון דער אייראָפּעאישער שארית הפליטה דער שטאַמיקער, קראַפּטפולער היים גראַדע, דער העלדישער דיכטער און פּאַרטיזאַנען־קעמפער שמערקע קאַטשערגינסקי און דער באַשיידענער, טאַלאַנטפולער מרדכי שטריגלער.

ווער קען זיי אַלעמען אויפציילן, די יינגע, די עלטערע און די סאַמע עלצטע, די שאַרפע קעפּ, די לומדים, די ליריקער און די נאָוועליסטן, די שטילע שאַפער און בויער פון אונדזער קולטור און ליטעראַטור אין יידיש? זיי אַלע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, כדי צו געבן יידיש אַ ציל און אַ ריכטונג, כדי אָנצוצינדן דעם נר־תמיד אויף דעם מזרח פון אונדזער נייעם קבוץ גליות, וואָס זאָל ווערן אַ וועג־ווייזער און אַ לייכט־טורעם אי פאַר די בלאָנזשענדיקע און אָפּגעריסענע און אי פאַר די, וואָס ווילן לעבן און זיך אויסלעבן אין דער באַפעסטיקטער, אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס מוז זיין דער סינטעז פון דעם נעכטן און דעם מאָרגן.

* * *

## 2. רעליגיעזער יידישקייט.

בשעת די מאָדערנע, וועלטלעכע יידישקייט זיצט פאַרמחשבה׳ט און זוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי אָפּצוהיטן און צו דערהאַלטן די קולטור פון נעכטן, באַווייזט דאָס רעליגיעזע יידנטום, אַז פאַר אים עקזיסטירן אַזעלכע פּראָבלעמען כמעט נישט. די רעליגיעזע וועלט אין אַמעריקע, אויף וויפיל כ׳האָב זי געזען, האָט נאָך אַלע סימנים פון אַ קערנדיק, איינגעפונדעוועט און פאַרפעסטיקט יידיש לעבן. זי ציט איר יניקה פון טיפער און שטאַרקערע וואָרצלען, ווי מיר מאָדערנע און זי איז טאַקע עקשנותדיקער און שטאַנדהאַפטיקער. איר כלי־זין איז נאָך היינט, ווי אַמאָל: תורה און פרומקייט.

אַז ס׳איז נאָך היינט־צוטאָג פאַרהאַן אַזויפיל אורשפּרינגלעכע, אמת׳ע



רעליגיאָזיטעט אין אַמעריקע, איז פאַר מיר (און טאַקע פאַר אַ סך אַנדערע קאָנגרעס־דעלעגאַטן) געווען אַ גרויסער חדוש. האָבן יידן אַריבערגעטראָגן קיין איסט־סאיד, קיין ברוקלין א.ז.וו. אַ שטיק לעבעדיקע, נישט־געבראָכענע יידישקייט פון דער אַלטער וועלט, פון דעם מזרח־אייראָפּעישן שטעטל מיט זיין גאַנצן חן, פּילפּאַרביקייט און זאַפטיקייט. איז קודם כל ביי זיי נישט פאַרהאַן קיין פּראָבלעם פון יידיש, ווייל מע רעדט יידיש, סיי דער ייד אויף דער גאַס, סיי דער בחור אין דער ישיבה אָדער דאָס קינד אין דער רעליגיעזער שולע. זוכט מען נישט מיט קיין תחבולות ווי אַזוי איינצוהאַלטן יידישקייט, זי עקזיסטירט דע פאַקטאָ. די וועלט איז נאָך אַן אינטים יידישלעכע, אַ היימישע, און איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער שפּראַך, וואָס איז אַ מין לשון קודש, אויסגעוויטיקט און געהייליקט פון דער לעצטער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. דער ראש־ישיבה ביים שעור, דער בחור ביי דער גמרא, דאָס יינגל ביים פאַרטייטשן אַ שטיקל חומש — זיי אַלע לעבן און אָטעמען מיטן יידישן וואָרט.

קומט דאָרט פאַר אַן איבערבראַך? ווער ווייס! טענה׳ן פּעסימיסטן, אַז יאָ אין זאָגן, אַז ענגליש הויבט אָן צו ביסלעך אַרויסצושטופּן יידיש פון די ישיבות און שולן. דערווייל אָבער איז יידיש נאָך שטאַרק איינגעוואָרצלט אין דעם לעבנס־שטייגער פון דעם פרומען ייד. פאַר וועם דאָס נייע לשון קודש איז פּסיכאָלאָגיש אַ שטאַרקע שוץ־מויער קעגן אַסימילאַציע און אָפּפרעמדונג.

ברוקלין, די שטאָט פון אַ מיליאָן יידן, האָט אין די צייט פון די ימים־נוראים געהאַט יענע שלוה׳דיקע ערנצטקייט און מנוחה׳דיקע פייערלעכקייט, מיט וואָס ס׳האָבן געגלאַנצט די אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. די געוועלבער פאַרהאַקט, די האַנדלסהייזער געשלאָסן, דער פאַרקער אויף די גאַסן כמעט אָפּגעשטעלט. פאָרט אַדורך אַן אויטאָבוס אָדער אַ טראַמוויי איז ער ליידיק, קיין יידן זעט מען אין זיי נישט. נאָכן דאַווענען שפּאַצירן זיך יידן איבער די גאַסן אַהיים פון די שולן מיט יו״ט׳דיקער רחבות, זיי גייען מיט געמאָסטענע טריט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געציילט די מעשים טובים פון אַ גאַנץ יאָר. אַרום זיי שפּירט זיך אַ געפיל פון פרייהייט, צו וועלכער נאָר מענטשן מיט אַן אינעווייניקסטער אויסגעגליכנקייט קענען זיך דערהייבן.

בשעת דעם דאַוונען זיינען די רבישע שטיבלעך און בתי־מדרשים געפּאַקט, אָן ענגשאַפט, ווי אַמאָל צו די ימים־נוראים אין גער אָדער אַלעקסאַנדער. גייט מען אַריין, ווערט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דעם פּראַכטפולן בילד. יידן מיט שטריימלעך אין זיידענע קאַפּאָטעס, הדרת פּנימער, וויגן זיך צום ריטם פון דער נגינה. יינגעלייט, פאַרמוח׳טע, מיט געשלענגלטע פּאות, וואָס פאַלן אַראָפּ ביז צום האַלדז, קוקן מיט פאַרדבקות׳דיקע בליקן אין די אָפענע מחזורים.

ווידער אין אַן אַנדער שטיבל זיצן אַרום אַ לאַנגן טיש עלטערע יידן מיט לאַנגע בערד, וואָס ראַמען איין פּקחות׳דיקע, אויסגעאיידעלטע פּנימער, מיט הויך־געפּאַלדעוועטע לומדישע שטערנס און מילדע, ליכטיקע אויגן. זייערע קעפּ שאָקלען זיך אין אַ מיסטישער פאַרציקונג און באַמקען צו מיט התלהבות

צו יעדער העויה פון זייער רבינס שוואַך, וויינענדיק קול. עס איז אַ שלל פון טיפן, קאָלירן און מאָטיוון, — פיגורן און פנימער, וואָס וואָלטן געדאַרפט גע־פינען זייער רעמבראַנדט.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה נאָכן עסן, אַרום מנחה־צייט, ציען זיך הונ־דערטער, טויזנטער יידן, פרויען און מענער, אַלט און יונג צום איסט־ריווער. ברוקלינער יידן גייען צו תשליך, עס איז אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע! דער ייד שעמט זיך נישט, ער איז פריי, ער לעבט זיך אויס אין זיינע אייגענע פאַר־מען. אפשר איז ער גאָר ביי זיך אין האַרצן מבטל יענע, די גויאישע וועלט, וואָס האָט מיט איר גאַנצער חכמה און ציוויליזאַציע באַוויזן, אַז זי קען אויס־ראָטן מיליאָנען יידן....

און אַזוי ציען זיך מחנות יידן מיט סדורים און מחזורים אין די הענט. דער פלאַץביים טייך איז שוואַרץ פאַר מענטשן. דער עולם שטייט מיט אויפ־געמאַכטע מחזורים, מען שאָקלט זיך געשמאַק און זאָגט דעם „מי אל כמוך". נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען יינגע יידישע מיידלעך זאָגן זייערע תפילות אויף לשון קודש, אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט זייערע תחינות אויף יידיש. מן הסתם האָבן זיי קיין לשון קודש נישט געקאָנט, און יידיש רעדט זיך...

„איז דאָס יידישע קולטור", האָט מיך מיין פריינט פון בראַזיל מיט וואַ־רימקייט און אַ גלאַנץ אין די אויגן געפרעגט, „אויב יאָ, צו וואָס גייען מיר זוכן נייע וועגן? הלואי אַזאַ קולטור־און יידישקייט־דעמאָנסטראַציע אויף אונז מאָדערנע געזאָגט!"

* * *

3. כל נדרי ביי די שוואַרצע יידן.

דער באַזוך ביי די שוואַרצע יידן און טאַקע יום־כפור ביינאַכט איז געווען פאַר מיר מער ווי אַ קוריאָז, מער ווי עקזאָטיק. עס איז געווען אַן ערנצט אי־בערלעבעניש, אַ שטיק חשבון הנפש. עס איז געווען אַ דערמאָנונג און אַ מאָ־נונג זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם פינצטערן גורל פון אונדזערע „שוואַרצע" ברידער, זיי מקרב צו זיין, זיי צו העלפן און זיך פאַר זיי אָננעמען.

עס איז געווען צו כל נדרי. די שול ליגט אין האַרלעם, אינם צענטער פון די שוואַרצע, אויף דער וועסט 128סטע גאַס. בשעת מיר, אַ גרופע יידישע שרייבער, זיינען אָנגעקומען, איז די שול נאָך געווען כמעט ליידיק. דער שמש איז דערווייל געווען פאַרנומען מיט די הכנות צום גאָטעס־דינסט, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרום זיבן אַ זייגער אין אָוונט.

פּאַמעלעך ווערט די קליינע שול פול. עס באַווייזן זיך פרויען אין ווייס מיט שטערנטיכלעך אויף די קעפּ און מיט אַ ציונ'דל אָדער אַ קמיע, וואָס הענגט ביי זיי אַראָפּ אויף דער ברוסט. אַ טייל פרויען מיט בלויע סטענגעס אויף די קעפּ בילדן צוזאַמען מיט אַ גרופּע מענער דעם כאָר. עס זיינען באַ־טעמ'טע און באַחנטע יידישע פנים'ער. די מענער־מתפללים זיינען אָנגעטאָן אין שוואַרץ און טראָגן קאַפּעלעך אויף די קעפּ. זיי זיצן אין די פאָדערשטע רייען און מאַנכע פון זיי האַלטן סדורים מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג אין



זייערע הענט. אויבנאָן, אויפן סאַמע מזרח זיצן די פרנסים אין קיטלען און טליתים פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. דער רב (ער רופט זיך רב הכולל) שטייט אויף דער בימה, פאַרן ארון הקודש מיטן פנים צום עולם.

נאָך איידער די תפילה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער שמש, אַ מיטל־וווקסיקער, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל און אַ געלבלעך־העלער הויט (ער האָט דערמאָנט אין די כינעזן), אָנגעצונדן די ליכט פאַרן ארון און דעם ווייראַך, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט פון דעם ענגן בית־הכנסת מיט אַ פאַרטשאַדענ־דיקן ריח. אינצווישן זיינען אַלץ צוגעקומען נייע מתפללים. זיי גייען צו צום שולחן און איטלעכער וואַרפט אַריין אַ מטבע אין אַ גלאָז מיט אייל. דאָס איז דער מנהג פון פדיון כפרה, האָט מיר דער שמש דערקלערט. מיט אַ מינע פון פאַרוואורף צוליב מיין עם־הארצות. סטייטש, ווי ווייס מען דאָס נישט פון דעם מנהג כפרה, האָט ער זיך געחדוש'ט און טאַקע געפרעגט, צי איך בין איבערהויפּט אַ בן־ישראל.

די שול איז שוין געפּאַקט. צווישן דעם עולם אַ גרויסע צאָל אייגענע מענטשן, ס'רוב דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס, וואָס זענען געקומען זען, ווי די שוואַרצע יידן פּראַווען כל נדרי. עס איז געוואָרן שטיל. דער רב איז אַרויף אויף דער בימה און גענומען אָנזאָגן דעם סדר פון די תפילות. שטיל אינטאָנירט ער מיטן שופר די תפילה און דערנאָך גייט ער אַריבער צו זאָגן הויך מיט קהל די שמונה עשרה. די ערשטע ברכות זאָגט מען אויף לשון קודש און דערנאָך אין ענגליש. עס איז אַ מעכטיקער כאָרכל, וואָס קולמינירט אין דעם ווידוי אין די על חטא'ס און ענדיקט זיך אין „אבינו מלכנו". דערצווישן זינגט דער עולם צוזאַמען מיטן כאָר, ווי אַ מין רעציטאַטיוו. אמן, הללויה...

אָפּגעזאָגט די שמונה עשרה, שטייט אויף איינער פון די פרנסים און זאָגט הויך די ברכות צו תקיעת שופר און דער רב בלאָזט שנעל און מיט אַמאָל אַלע תקיעות. עס ווערט ווידער שטיל און דער כאָר אינטאָנירט מיט דער באַגלייטונג פון שופר דעם כל נדרי נגון, וואָס דערגרייכט זיין קרעס־צענדאָ ביז ער פאַלט אַראָפּ. ציט זיך געלאַסענער און פאַרשטומט אין גאַנצן. דערמאָלט זאָגט דער רב אַ פאַר תפילות אין אַ גרייזיקן עברי און דער כאָר זינגט ווידער.

יעצט שטעלט זיך דער רב אַוועק פאַרן עולם, בעקר פאַר די ווייסע באַזוכער, און דערציילט וועגן די אַרבעטן און אויפטועך פון זיין קהילה, וואָס פאַר אַן אינסטיטוציעס זיי האָבן, וואָס מען טוט אויף'ן געביט פון חנוך און די הילף פאַר יתומים, קראַנקע און אַלטע. ער אַפּעלירט צו די מתפללים און ווידער אַמאָל בעקר צו די ווייסע ברידער, אַז מען זאָל זיי העלפן מיט נדבות. ער ווייס, זאָגט ער, אַז עס זיינען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע יידן צווישן אונדז, וואָס האַלטן יו"ט נישט קיין געלד ביי זיך. זאָלן זיי טאַקע מנדר זיין און צושיקן שפּעטער זייער נדבה. די אַנדערע, ד.ה. די „נישט־אָרטאָדאָקסישע", בעט ער באַלד מקיים פּסק צו זיין, ווייל זיי נויטיקן זיך זייער אין הילף. דער ארון הקודש שטייט אָפן. דער רב מיט אַ פייערלעכער מינע אויפן באַלעמער

און דער שמש מיטן אויסזען פון אַ כינעזער גייט אַרום צווישן עולם און זאַמלט איין די נדבות....

דאָס געלד ווערט אַוועקגעלייגט אויפן שולחן. דער רב מיטן עולם זאָגן די ברכות צו קריאת התורה און איינער פון די פרנסים לייענט פון אַ סידור די עשרת הדברות, בעת די ספרי־תורות בלייבן שטיין אין ארון. יעצט פאַרמאַכט מען דעם ארון. דער רב שטעלט זיך אַוועק מיטן פנים צום עולם און האַלט אַ דרשה. ער רעדט צוערשט מעניגא דיומא וועגן דעם כח פון אמונה און דער גרויסקייט פון תפילה. ער רעדט קלוג, שאַרף, מישט אַריין אַ פאָר ביליקע וויצן מיט אַביסל נבול פה, וואָס רופט אַרויס הייטערקייט ביי זיינע צוהערער. ער רעדט וועגן זיי, די עטיאָפּישע יידן, וואָס זיינען אייגנטלעך די אמת'ע יידן, אָפּשטאַמענדיק פון די אַמאָליקע בני־יהודה, וואָס זיינען געוואָרן פאַרטריבן קיין אַביסיניע. ער רעדט וועגן די עוולות, וואָס מען באַגייט לגבי זיי און אין וואָס פאַר אַ שפל המצב זיי געפינען זיך איצט.

זיין שטים ווערט ערנצט, העכער און דרייסטער, זי מאָנט און קלאָגט אָן די ברידער, די ווייסע, די רייכע און גליקלעכע, און בעט, אַז מען זאָל אויסשטרעקן צו זיי אַ ברידערלעכע האַנט, אַ האַנט פון קרובה'שאַפט און וואַרימקייט. זאָלן זיי זיך אָננעמען די קריוודע פון די באַעוולה'טע, דיסקרימינירטע שוואַרצע ברידער און זיי העלפן.

פאַר אונדז, די אייראָפּעישע געסט, האָט זיך דער גאָטעס־דינסט געענדיקט מיט אַן ערנצטער נאָטע. עס איז געווען אינם צערעמאָניאַל אַ סך פרימיטיווע עקזאָטישקייט, אַ סך, אונדז יידן, פרעמדע מנהגים און גלייבונגען. אָבער ס'האָט פון דעם אַלעם אַרויסגעשטראַלט אַ געהיימער, מיסטישער כוח, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען מיט אַ געפיל פון ברידערלעכער קרובה'שאַפט און פאַרבונדנקייט. די יו"כ־נאַכט האָט צונויפגעפירט און פאַראייניקט ווייטע הערצער, פאַרשיידענע וועלטן. עס איז צייט, אַז מיר זאָלן געפינען אַ וועג צו אונדזערע פאַרלוירענע און ווידער־געפונענע שוואַרצע ברידער, האָבן מיט זיי אַ בשותפותדיקן לשון און זיי כולל זיין אין דעם גרויסן ווערק פון אויפבוי און גאולה.

(סוף)

---

## ד"ר מיכאל (ערנסט) מיללער*

# מיינע זכרונות וועגן פרץ הירשביין

ס'איז זעווען אַרום 1906 אָדער 1907 ווען איך האָב מיך באַקענט מיט פרץ הירשביין דעם דיכטער און זער מערקווירדיקן מענטשן. — זיין סימבאָלישע דראַמע „דעמערונג" האָט אויף מיר געמאַכט אַ זער טיפן איינדרוק צוליב צוויי סיבות; ערשטנס די שפּראַך, — דעמאָלט האָט מען נאָך וועגן יידיש געדאַכט, ווי פון אַ געטאָ־זשאַרגאָן, בפרט איז געווען אַזוי די מיינונג פון די דייטשמערישע יידן, — און אין דער דראַמע האָט פרץ הירשביין



באַוויזן צו ברענגען דעם יידישן לשון צו אַן איידעלסטער הויכקייט פון דיכטערישער דיקציע; און דער טיפזיניקער תוכן, די דורכדרינגנדע שטימונג פון אַ נאָענטן אונטערגאַנג, פון אַ בייזן געוואַלט, דער כוח הרע וואָס פאַרנעמט זיך אָקערשט די אונשולד, די מענטשליכע גערעכטיקייט אין בלוט צו דערטריקן! — ס'איז געווען אין פלוג אַוויינע 7 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — נאַטירלעך האָט דאָס רוסישע יודענטום ערשט נישט לאַנג דורכגעלעבט אַ בלוטיקן ים פון פאָגראָמען — אָבער בכלל, אין מערב אייראָפּע איז דאָס לעבן געווען, זיכער, באַקוועם, — האָב איך דאָך דורך דעם רושם פון הירשביין'ס סימבאָלישן טעאַטער־שטיק דערפילט ווי פאַרפילט זענען אַלע יסודות פון אונדזער וועלט, און עס האָבן זיך געוויזן דייטלעך די שאָטנס פון אַ נאָענטן חורבן.... מיט גרויס באַהאַרצטקייט האָב איך מיך גענומען איבערזעצן די דראַמע אין דייטש, און נאָר איבער דעם פאַרשולדן פונם פאַרלעגער איז דאָס דאָזיקע וויכטיקע טעאַטער־שטיק נישט געוואָרן באַרימט אין דער דייטשער טעאַטער־וועלט.

איך האָב מיט דעם דראַמאַטיקער אייניקע יאָרן געפירט איינע זער אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ; ווינטער 1910 האָט ער מיך אין ווין אויפגעזוכט, און מיר זענען געוואָרן זער נאָענטע פריינד. ער האָט מיר דעמאָלט געשענקט זיין בוך „פון וועג צו וועג".

פרץ הירשביין האָט ווי אַ מענטש געמאַכט אַ באַצויבערנדן רושם; ער איז געווען — גאַנץ דיכטער און ייד, אַ פרייער שטאָלצער ייד, אַ באַפריינדעטער באַרימטער מאָלער, וועלכער ווי סע איז געווען דער שטייגער אין יענע צייטן, האָט אויך ער געהאַט אַ מערקווירדיקע מיינונג איבער דאָס מזרח־יודענטום, ווי פון עפּעס ווילדן, לעכערליכן, איז ער געווען פון דער דערשיינונג הירשביין'ס ערשטוינט און שטאַרק צוגעצויגן.

מיר גופא איז דעמאָלט זיין אינסצענירן פונעם דערשיטערנדן דראַמע „די נבלה" אויף דער ווינער יידישער בינע — געווען אַ שווער פּראָבלעם; סע געווען אונגלויבליך־פרעמד די סביבה, וואו אין איינעם בלוטיק־קצבישן סטיל אויף אָפענער בינע איז אַ מאָרד־געשען; — איך האָב גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ צאַרטער דיכטער ווי פרץ הירשביין זאָל קענען אין זאָלכע פינסטערע תהומות מיט דעם קינסטלערישן אויג דורכגעדרונגען און אַזוי געוואַלטיק, געניאַל אויך אין אייניקע בילדער דאָס דערבליקטע געשטאַלטן....

פרץ הירשבין איז באַלד אָפּגעפאָרן קין אַמעריקע, און דורך פאַרשידענע סיבות האָבן מיר פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטאַנאַנדער. — עס איז אויך מיר זייט דין ווינער צייט נישט אויסגעקומען אים צו לייענען. ערשט פיל שפּעטער האָב איך מיט גרויס באַוואונדערונג געלייענט זיין באַריכט איבער זיינע אינדיען־רייזעס.

אין יידיש, שלמה א.

* איינער פון די באַרימטסטע פערזענלעכקייטן פונם מערב־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס לעבט דאָ איצט אין ענגלאַנד.—ר.



פּרץ הירשביין אין לאָנדאָן און משה עובד





# די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט

(איבער חוה ראָזענפֿאַרבס בוך „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד")

(המשך)

די גרעסטע — לויטן פאַרנעם־שאַפונג אין חוה ראָזענפֿאַרב׳ס קליינעם לידער־ביכל (אינגאַנצן האָט עס 56 זייטן, שוין מיטן פאַרוואָרט און די שער־בלעטער) איז געשאַפן געוואָרן שוין נאָך דער מלחמה, דאָס איז „די באַלאַדע פון נאַקעטן וואַלד".

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די באַלאַדע איז אַביסל צעצויגן, איז עס דאָך אַ פיין ווערק.

דער נעכטיקער וואַלד איז פאַרברענט, אָבער על־פּי־נס איז אויפן ראַנד פון ליידיקן פעלד פאַרבליבן אַ סאָסנע — אַ חוה ראָזענפֿאַרב, אָדער אַ ב. שטריגלער אָדער אַ ישעיה שפּיגעל א.זא.וו.

אָבער:

„וואָס האָט נאָך צו טאָן אַן איינזאַמע סאָסנע,

„אויב די ביימער דערמאָנען,

„און זינגען פון לעבן פון רוישיקן וואַלד,

„וואָס איז דאָ ערשט נעכטן געשטאַנען?"

* * *

„און ס׳טרעפט — אין דער שטילער ליידיקער נאַכט,

„ווען ס׳חלומען גרעזער פון מאָרגן,

„שטייט פאַר איר אויף דער נעכטיקער וואַלד

„מיט וואַלדיקע פריידן און זאָרגן".

און אין — על־פּי־רוב — שיינע, שטאַרקע פערזן שילדערט חוה ראָזענ־פאַרב דאָס לעבן פונעם וואַלד, וואו ס׳איז אויך געוואַקסן אַ דעמב און אַ אָדלער — צוויי טרוימען פון דער פאַרבליבענער סאָסנע.

אָבער:

„...הימל און ערד זענען שרפה געוואָרן,

„געביסן פון פלאַמיקע פונקען,

„ס׳האָט פייער מיט אומקום — פאַרסמאַליעטע צוין

„דעם וואַלד און זיין ניגון פאַרשלונגען".

און די פאַריתומטע סאָסנע טרוימט פונעם נעכטיקן וואַלד,

„און דעמאָלט טרעפט, אַז עס שוועבן פאַרביי

„די ביימער אין שווייגנדע רייען,

„און דעמאָלט קומט דער אָדלער אויפסניי

„אויף צעבראָכענע פליגלען צו פליען"...

און ס׳ווערט איר צו שווער אַמאָל — דער פאַריתומטער סאָסנע, און זי בעט זיך:

„קום מער נישט צו חלום, דו וואַלדיקער דעמב,
„מיט דיין אַלטן, דעמבענעם ניגון,
„און רוף נישט צו מיר: — דו סאָסנע, געדענק!
„דערצו ביסטו לעבן געבליבן!!!
„לאָז מיך צורו, דו פאַרגאַנגענע פיין
„און לאָז מיך זיין ווי דאָס גרעזל.
„לאָזט מיך אָטעמען, גיט מיר די פרייד,
„זאָל זינגען מיין בלוט, וואָס עס ריזלט".

חוה ראָזענפאַרב האָט געשריבן אין געטאָ, און איר וואונדערבאַרן ליד „רעגן... רעגן... רעגן..."

„לעבן... לעבן... לעבן,
„ציטערסט אין מיין שויב.
„כ׳וויל שפייען דיר אַ קללה,
„און ר׳פליסטער נאָר אַ לויב.
„לעבן... לעבן... לעבן,
„טריף נאָך, טריף אַ טראָפּ.
„שמייס מיך מיט דיין רעגן,
„נאָר טרט פון מיר נישט אָפּ.

* * *

„בעסער האַרבסטיק זיך פרייען,
„אידער אינגאַנצן נישט זיין.
„וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ׳וויל לעבן.
„און אויסוויינען נאָך מיין געוויין?"

אָט די זעלבע לעבנסקראַפט שרייט אין איר אַרויס אין דער „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד":

„כ׳וויל האָבן אַ נייעם פאַרשיכרטן גאָט,
„און אַ פריידיקן שוואונג אין די גלידער,
„כ׳וויל האָבן אַ נייעם פאַרכושפטן סוד
„און נייע, צעפיצלטע לידער".

און נישט נאָר זי בעט זיך אַזוי ביים נעכטיקן וואַלד,—אויך מ. שטריגלער בעט זיך אַזוי און אַ סך אַנדערע.

אָבער אומזיסט: פונקט ווי דאַן, ווען דאָס לעבן איז געווען איין אומענדלעכער האַרבסט־רעגן, האָבן זיי געוואָלט שפייען אויף אים אַ קללה און געזונגען אַ לויב, אַזוי וועלן זיי היינט, בעת דאָס לעבן ווינקט מיט זיינע פאַרכשופטע סודות, נישט פאַרגעסן די, וועמעס פאַרכשופטע סודות עס זענען אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פון לעבנס־אויבערפלאַך דורך דעם אומענדלעכן רעגן פון פיין און בלוט:

„דו מוזט דעם וואַלד דיר טראָגן אין קרוין,
„אונזער אַש און די גרינע צווייגן,



„אונזער ליד מוזטו ברומען, כאָטש דו ביסט אַליין,
„און אויפמאַכן מוזטו דיין שווייגן".

די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט האָט נאָך קיינער נישט דערגרונטעוועט.

ווי פיינלעך עס איז נישט פאַר חוה ראָזענפאַרבן צו דערמאָנען דעם נעכטיקן וואַלד, איז עס אָבער גלייכצייטיק פאַר איר נישט נאָר אַ גרויסע פליכט, נאָר אויך אַ גרויסע שעפערישע פרייד.

ס׳איז אַ פרייד אויסצוויינען דעם אייגענעם געוויין.

די, וואָס האָט נאַקעטערהייד, אין אוישוויץ, נאָך געטוליעט צו זיך אירע לידער פון געטאָ, וועט נישט אויפהערן צו טוליען זיך צום שטומען, פאַרשטומטן ליד פון נעכטיקן וואַלד.

ס׳איז נישט קיין פראַגע צו מען מעג די נעכטיקע שרפה באַזינגען און צו מען מעג „געניסן" די געזאַנגען וועגן חורבן, — ס׳איז אַ פליכט און אַ פרייוויליגע צו באַזינגען און צו שעפּן קראַפט פון טרויער, ווייל — ווי חוה ראָזענפאַרבס טאַטע פאַרענדיקט די באַלאַדע וועגן נעכטיקן וואַלד:

„ס׳וועט אויפגיין אַ וואַלד אויף חרובער ערד,
„ס׳וועלן דעמבעס און סאָסנעס קומען;
„זאָל פאַלן אויף זיי אונזער אַש, אונזער שטויב
„ווי פילע און הייליקע זאָמען..."

---

## ש. האַלקין (מאָסקווע)

# סאָוועטישע ליריק

(איבער איציק פעפער׳ס בוך „אויפסניי")

(המשך)

אין זיין פאַרלעצטן בוך „שיין און אָפּשיין", אין דער שיינער באַלאַדע „וועגן די זאַרגלאָזע פויגעלעך", רעדט פעפער מיט אויפגעבראַכטקייט, חוזק און טיפן וויטיק וועגן יענע פאַרברעכעריש־גלייכגילטיקע זינגער, וואָס קוים האָבן זיי זיך נאָר פאַרקליבן אויף זייער גרינעם טראָן, האָבן זיי שוין פאַרגעסן אָן דער אַלערדישער ציאונגס קראַפט. זיי, די זינגער, הייסט עס, זינגען, ווייל נאָר אָט דאָס זינגען איז זייער באַרוף.

א מיידל וויינט ביי ברענענדיקע טויערן,
זיי — זינגען.
אין ערגעץ רייסן באָמבעס זיך אָפּ מויערן,
זיי — זינגען.
עס וויינען שטעט באַלאַגערטע מיט פייערן,
זיי — זינגען.
אַ מאַמע קלאָגט אויף זון אירן דעם טייערן,
זיי — זינגען.

די גרויסע חורבות מערן זיך און מערן זיך,
זיי — זינגען.
עס באָדן גאַנצע לענדער שוין אין טרערן זיך,
זיי — זינגען.
זיי פינטלען מיט די טאַנצנדיקע אויגעלעך
און זינגען, —
די זאָרגלאָזע, די פויגלדיקע פויגעלעך —
זיי זינגען!

וואָס זאָל באַדייטן דאָס דערווייטערן זיך, דאָס שטיין אין אַ זייט פון די בלוטיקע שלאַכטן, וועלכע קומען פאָר אויף דער ערד? זאָל עס הייסן, אַז זיי, די זינגער, שטייען העכער פונעם קאַמף — אַ ליגן! מיר ווייסן, אַז ביי אַ מער שטאַרקן וויג פון דער צוויג, אויף וועלכע זיי זיצן, שטעלן זיך זיי די פעדערן קאַפּויר. וואָס־זשע זאָרגלאָזיקייט? — ניט אמת! זיי זענען שטאַרק פאַרזאָרגט, אַז צעפּעפּענענדיק דעם פּיסק, זאָל זיי דער ביסן ניט אַרויספאַלן פון מויל. נישקשה, אײדער נעמען אַ טאָן, קוקן זיי זיך גוט אַרום אין אַלע זייטן, צי וועט זייער זינגען ניט גרילצן אין די אויערן ביי די, וואָס שיטן זיי אַראָפּ חודש'לעכן אָדער צוויי־וואָכנדיקן מאָן פון דער רייכער קעשענע.

און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין מאַכן אַ קליינינקן אומוועג און אָנווייזן אויף נאָך איינער אַ וועזנטלעכער סבה, וואָס טראָגט אין זיך דעם שרעק־לעכסטן מין זאָרגלאָזיקייט — „באָדנלאָזיקייט". ווייל — צי דאַרף מען נאָך אַ מער גינסטיקן באָדן פאַר אַלערליי טעאָריעס וועגן „גייסטיקער מאַרטירער־שאַפט", וואָס איז, כלומרשט, די „מיסיע" פונעם אוניווערסאַלן יידישן פאָלק, ווי אויף די באָדנלאָזיקייט. ווייניק זענען דען געווען אַזוינע — און, אפשר, זענען זיי נאָך איצט אויך פאַראַן, — וואָס אַנשטאָט צו פאַרנויגן דעם קאָפּ ביים דערמאָנען די העלדן אין קאַמף מיטן פאַשיזם אויף די שלאַכט־פעלדער פונעם סאָוויעטן פאַרבאַנד און ביים אויפשטאַנד אין די געטאָס, אַנשטאָט דעם פלעגן איניקע מיט הפקר'ישן ביטול אַראָפּרוקן אויף אַ זייט די ברייטע אייראָפּעאישע הוט און געבן צו פאַרשטיין, אַז העלדישקייט — מהכי תופי איז זער אַ פיינע, אַ לייטישע זאַך. ניט אין דעם אָבער (דערביי פאַרזשמורעט מען ביטערעטשקע אַן אויג) שטעקט דער יידישער כוח; ניט דאָס איז דאָס שיינדל פונעם פאָלק. און אַז דו פלעגסט זיי צושפּאַרן צו דער וואַנט: נו, און איר, פון גראָבן פינגער זויגנדיקע, אומעטומיקע און ניט אינערגענצדיקע אוניווער־סאַליסטן, זאָגט איר, אין וואָס דער כוח שטעקט? ענטפערן זיי אייך (שוין מיט ברייט צעעפנטע אויגן) — אינעם גייסט".

און אין דער אמת'ן, הייסט עס, קיין זאַך און גאָרנישט ניט ליב האָבן, אויסער זיך. אַפילו דער „אוניווערסאַלער גייסט" זייערער איז ניט מער, ווי פּחדנ'ישער עגאָאיזם. אָט די אוניווערסאַלקייט, האַלטן זיי, מאַכט זיי פּטור און פריי פון דער אחריות פאַרן גורל פון דער פרייהייט, פון דער דעמאָקראַטיע, פון אחריות פאַרן לאַנד, וואָס האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן אויף צו ראַטעווען



פון אומקום די מענטשהייט און אויך זיי בתוכם.

דעריבער ווענדט זיך פעפער צו אַלע מענטשן אויף דער ערד און דערין אויך צו זיי:

...און אויב איך בין אויף אָט דער ערד געקומען,
כדי צו זיין מיט אָט דער ערד אויף רו,
איז ניט ווייל כ'האָב געוואָלט אין איר אַנטרינען,
ווי אַ פאַר'חלומ'ט רעגענדל אין איר אַנטרינט.
איך בין געקומען אויף דער ערד געפינען
אַן ערד אַזאַ, וואָס נאָר אַ גליקלעכער געפינט.

איך האָב געפונען זי אין אַ בעריאָזע־רעמל,
זי האָט זיך אויסגעטאָן פון גליווערדיקן שניי,
און כ'האָב דערזען אויף איר די טורעמס פונעם קרעמל,
איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון ראַסיי.

דאָס הייסט: געזאָגט און פאַרפינקטלעכט, אַז כאָטש דער באַגריף ערד איז אין זעקס מאָל גרעסער, ווי דער טייל, וואָס הייסט ראַסיי, בין איך אַ קינד דווקא פון אָט דעם טייל, וואָס הייסט ראַסיי. און ווי באַלד איך רוף אָן ראַסיי, פאַרפינקטלעך איך זיך נאָך מער און זאָג: איך בין אַ קינד פון דער ראַסיי דווקא מיט דער רויטער פאָן איבערן קרעמל. יאָ, צוויי מאָל „באַגרענעץ" זיך אַליין און זיי גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אָט די גרענעצן, ווייל:

ס'איז אין הארצן איינגעבאַקן
אַי דיין צונטער פון פרימאָרגנס,
אַי דיין שטאָל פון די פאַרנאַכטן,
אַי די גרייזקייט פון דיין ווינטער,
אַי די יונגקייט פון דיין פרילינג,
אַי די שמעקעדיקע מידקייט
פון די הארבסטיקע פאַרנאַכטן,
אַי די מילדע איינגעבליטקייט
פון דיין זומער, פון דיין זומער.

הימלאַנד־הימל!
הימלאַנד־הימל!
ווען די שטערן דיינע לויכטן —
טוקן, שעמען זיך די שטערן
איבער פינף זעקסטלעך הימל,
וואָסאָ זיי קאָנען נאָך ניט לויכטן
ווי שטערן איבער אונזער
הימלאַנד־הימל.

אַן געהעכערטע, ריטאָרישע טענער — ליריש, אינטים און פאַרטרויִלעך דערציילט פּעפּער וועגן דעם קאָמפּלעקס געפילן, וואָס איבער אַלע ווי איז אויסגעשפּרייט דער „היימלאַנד־הימל“.

אַן עכטע לירישע ליד איז קודם כל, די, אין וועלכער עס ווערן בולט אויסגעדריקט איינצייטיק פיר גרונט־מאָמענטן. ערשטנס, דער צושטאַנד פונעם דיכטער אין דער געגעבענער מינוט — זיין באַגעגעניש אויג־אויף־אויג מיט דער שטימונג, זיין באַגער זיך אונטערגעבן דער שטימונג און די פרייד פון באַהערשן זי, פון אַט דער לירישער אָדער דראַמאַטישער האַנדלונג צום גאַנצן קאָמפּלעקס פונעם דיכטערס כאַראַקטער; דריטנס, די אחריות, דאָס עדות־שטעלן ערד און הימל פאַר דער עכטקייט פון דעם דאָזיקן געפיל, און, פערטנס, די אַטמאָספער, די קרייזן — פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע — וועלכע די דאָזיקע שטימונג וועקט אויף. איז אַט: אַן די פיר, לויט מיין מיינונג, גרונט־יסודות פון דער ליריק איז זער שווער צו שאַפן אַן אייגענעם נוסח. און אויף אַט דער גרויסער דיכטערישער מעלה פּעפּערס גייען זיך דאָך אַלע צונויף.

רעדנדיק וועגן פּעפּערס ליריק, איז מיר געקומען אויפן זינען זיינער אַ ליד, וואָס איז לויט מיין מיינונג, איינע פון זיינע שענסטע לידער:

### די מאַמע פּרעגלט איינגעמאַכטס

דער גאַנצער הויף גייט כאַדאָראָם,
דער ווינט צובלאָזט דאָס פייער,
דאָס בלוט אין אַלע אָדערן
יאָגט פריינטלעכער און פרייער.

די מאַמע פּרעגלט איינגעמאַכטס
פון מאַלענעס, ווי סאַמעט,
איך שטיי לעם איר אַן איינגעדאַרטס,
געבויגן, ווי אַ לאַמעד.

די שוועסטערלעך און ברידערלעך
באַלאַגערן די שיסל,
אין לאַטקעלעך די פּלודערן,
די קליידעלעך צוריסן.

אַזויפיל שיינקייט האָבן זיי,
די מאַלענעס... אַ כייעס!
די מאַמע נעמט אַראָפּ פון זיי
די גרינע שמאַטאַלייעס.

און יעדע פּוכקע מאַלענע
מיט זאַמד־צוקער באַשיט זי,
און נאָר אַראָפּגעפאַלענע
די קינדער אירע גיט זי.



מיר שטייען און באַלעקן זיך,
מיר שטייען אַלע איניק.
מיר ציטערן, מיר עקן זיך —
זיי פאַלן אַזוי ווייניק.

פאַרוואָס האָב איך דאָ געבראַכט כמעט די גאַנצע ליד? ווייל דער דאָזיקער אַרט שילדערן — ליריש, אַנזעעוודיק, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל באַהוכט — איז איינער פון די גרונט־שטריכן אין פּעפּערס שאַפן, וועלכע זענען מיר אממערסטן צום האַרצן, ווייל ווי זאָל ניט רירן דאָס בילד, ווי אַזוי אַמאָל קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט, אַליין אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידעלעך און פאַרלאַטערטע פּלודערלעך, — שעפּן נחת, עסטעטישן פאַרגעניגן דערפון, וואָסאַ כאַטש די מאַלענעס טוט מען אויס פון זייערע גרינע שמאַטאַלייעס. אָרנטלעך רעאַליסטיש דערציילט פּעפּער אין אַט דער ליד, ווי אַזוי זיין מאַמע פלעגט פּרעגלען איינגעמאַכטס. וואָס פאַר אַן אונטערטעקסט אָבער, וואָס פאַר אַ פיינער סאָציאַלער וואונק ליגט באַהאַלטן דאָ און דאָרט און, דער עיקר, אינעם סוף פון דער ליד:

מיר כראָמקען די פּאַפּאַליקעס
מיט קנאָבל אַלטן, שאַרפן,
און ערגעץ שטייען מאַלענעס —
הלואי זאָל מען ניט דאַרפן.

צוויי אַנשווילעכע, אויסגעפּאַרמירטע ברעגן באַגלייטן פּעפּערס לירישן קוואַל — הומאָר און סאַטירע. און זער גערן שפּיגלט אָפּ אין זיך דער קוואַל זיינע באַגלייטער. גאַנץ אָפט טרעפט ביי פּעפּערן, אַז אינעם ריינסטן לירישסטן שטראָם טוט מיט אַמאָל אַ בליאַסק אַ הומאָריסטישער שטראַל, אַ סאַטיריש ווינטל טוט אַ שטופּ, און ס׳צעלויפן זיך קאַלטע, כמורנע כוואַלעכלעך איבערן וואַסער. פאַרקערט, אין דער סאַטירע און הומאָר, ווי אין די משלים, טרעפן אָפט עכטע לירישע שטעלן. אין ביידע פאַלן איז זער שווער צו שטעלן אַ שייד־סלופּ צווישן דעם ליריקער און דעם משלים־שרייבער.

פּעפּער שרייבט משלים שוין זער לאַנג. אינעם בוך „אַפּסניי“ זענען דאָ אויפסניי משלים. פּעפּערס משלים זענען אָבער אַ טעמע אַן און פאַר זיך, צו וועלכער מען וועט זיך דאַרפן אומקערן אַ צווייט מאָל.

און איצט, גייענדיק צום קאָפּ פון מיין אַרויסזאָגונג וועגן פּעפּערן שטעל איך זיך אַליין די פראַגע: האָסטו אויסגעשעפּט די טעמע פּ ע פּ ע ר? ניין! בשום אופן ניט! איך האָב דאָך ניט גערעדט וועגן פּעפּערן דעם אויטאָר פון אַ גרויסער צאָל באַלאַדעס, קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן זיינע פּאָעמעס און פּיעסן. איך האָב זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט געניי אויף איינעם פון די ציילן אין פּעפּערס דיכטונג — אויף דער פּאָליטישער ליד. דאָס איז ווידער אַ טעמע פאַר זיך, וועלכע פאָדערט אַ גרינטלעכע באַהאַנדלונג. דאָ האָב איך בלויז באַרירט די טעמע: פּעפּער — דער ליריקער.

## אלעגאַריער

# „פּאָדליאַשע אין אומקום“

אַזוי רופט מ. י. פייגענבוים* זיין בוך, געווידמעט יידישע קהלות אין פוילן:
ביאַלע — מעזריטש — לאָמאַז — לוקאָוו
355 זייטן. אַרויסגעגעבן פון צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, מינכען, 1948.

צום צווייטן מאָל קומט מיר אויס מזכיר־נשמות זיין די יידישע קהילה פון מיין געבורטס־שטעטל, מעזריטש און די שוועסטער־שטעטלעך פון אַרום.

דעם ערשטן שטילן יזכור האָב איך אָבגעזאָגט ווען איך בין אַלס אַ בן עיר איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם רעדאַקטאָר פון׳ם חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן“ אין לאָנדאָן, א. נ. שטענצל, צו שרייבן וועגן דעם בוך: „מיין חרוב׳ע היים“ פון י. האָרן, אַרגענטינע, אין וועלכן ער באַמאָלט און באַזינגט אַזוי טרויעריק שיין זיין שטעטל מעזריטש. און איצט צום צווייטן מאָלביים שרייבן די שורות איבער דעם בוך „פּאָדליאַשע אין אומקום“ פון מ. י. פייגענבוים, מינכען.

מיר געפינען אויף די פאָדער־טאָוולען פון׳ם בוך, אַז דאָס זיינען „נאָטיצן פון חורבן“ — אַזאַ עניוות וואָלט איך זיך געוואונטשן צו געפינען ביי פיל פון אונדזערע גאַנצע און האַלב־„געקרוינטע“ שרייבער.

עס איז מיר נישט באַקאַנט מיט וויפיל שרייבער־סטאַזש מיין (כמעט) בן עיר פייגענבוים, איז צוגעטראָטן צום אַרויסגעבן זיין יזכור־בוך און ס׳איז אפשר אויך ניט וויכטיג צו וויסן, אָבער ווייסן ווייס איך איצט וויפיל מיר וואָלטן זיך געקאָנט פון אים אָפּלערנען; אגב ווילט זיך באַמערקן אַז גראָדע די לייכטע דעקאָראַטיווע שטעלן אינ׳ם בוך, זיינען אַרויסגעקומען שוואַכלעך אויב נישט נאַאיוו. אָבער דער בוך אַלס גאַנצער ליידט נישט פון דער „שוואַכקייט“; — אַפילו ווען אין דעם גאָר לייכטן געפינט מען אָפּט דעם „מאַיסטער“ — אין אַ בוך.

„פּאָדליאַשע אין אומקום“ איז נישט סתם נאָך אַ חורבן־בוך וואָס אַ שרייבער האָט געווידמעט זיין שטעטל. ניין. עס איז אַ הימל־שרייענדער דאָקומענט מיט טויזנטער און טויזנטער טייטלענדיקע פינגער וועלכע באַשולדיקן. עס איז אַ בוך, וואָס פון יעדע שורה, וואָרט און קלאַנג, אָטעמט אַרויס אַחוץ אויטענטישקייט, אויך לעבעדיק־געוואָרענע בילדער און געשטאַלטן, וועלכע ווילן נישט און קאָנען נישט אין גאַנצן אָפּשטאַרבן. ביז אַ יום־הדין וועט נישט באַשטעטיקן אַז זייערע ליידן זיינען נישט געווען אומזיסט.

* דער מחבר פון דעם בוך, ווי עס איז אונז באַוואוסט, איז געלעגן עטלעכע יאָר באַהאַלטן אין אַ גרוב, וואו ער האָט דאַן געשריבן זיין בוך. און דאָס גיט מער אויטענטישקייט און חשיבות צו זיין ווערק. דער יידישער לייענער, און באַזונדערס די יידן פון פּאָדליאַשע, דאַרפן זיך פאַראינטערעסירן מיטן בוך פון מ. י. פייגענבוים. די רעדאַקציע.



אין דעם אַריינפיר־וואָרט לייענען מיר דעם מחבר׳ס ווערטער:

„דאָס וואָס ס׳ווערט דאָ פאַרצייכנט, האָב איך אַליין איבערגעלעבט און געזען“...

וואָס קאָן זיין מער פשוטער ווי דאָס? וואָס נאָך קאָן געבן פייגענבוימען מער רעכט צו פאַרצייכענען פאַר דור דורות צו געדענקען ווי דאָס, וואָס „איך אַליין האָב איבערגעלעבט און געזען...?“

שוין באַלד פון אָנהויב, דערפילן מיר ווי דער מחבר וואָלט אונדז אָנגענומען ביי די הענט און געפירט צו אַ גרויסן, שוואַרצן בינע־פאָרהאַנג, וועלכן ער הויבט אים אויף אָן וועלכן ס׳איז צוריקזיכט, און ווי ס׳ווייזט אויך אויס, מיט דער כוונה אַז מיר זאָלן עפּעס זען פון דער גרויסער בעסטיאַלער פאַרשווערונג, פון דעם גרויסן גיגאַנטישן מאָרד וואָס איין פאָלק האָט אויסגעפירט איבער אַ צווייט פאָלק. ער ווייזט אונדז דעם וואַקכאַנאַלישן סאַדיסטישן טייוולאָנים־טאַנץ, וועלכער האָט מיט אַזאַ פּרעציזקייט און סאַרדאָנישן געלעכטער, אָפּגעווישט און פאַרברענט אַ יידישע וועלט מיט אידיליע און לעבנס־שטייגער, קיינמאָל מער נישט איפּצושטיין תחית־המתים אויף יענער ערד.

ביים לייענען אָט דאָס אַלץ, פילן מיר אַז ס׳האָט גאָר לייכט געקאָנט זיין אויך אונדזער גורל און איז נישט געווען. און דער מחבר וויל כאָטש אַז מיר זאָלן עס נישט פאַרגעסן. ער וויל אויך נישט אַז מיר זאָלן אָפּקומען מיט אַן איינמאָליקן קדיש־זאָגן און — אַ סוף אַן עק. מיר האָבן געטאָן אונדזער פליכט...

ס׳איז נישט איצט מיין כוונה סתם צו זינגען שבחים, זוכן ווערטן, מעלות און חסרונות, ווי אויך דעם צושטייער וואָס דער בוך גיט צו אונדזער ליטעראַטור בכלל און וואָלט איך אַפילו יאָ געוואָלט טאָן, וואָלט איך דאָס אויך נישט געקאָנט, פשוט דערפאַר, ווייל ווען מען איז מזכיר־נשמות, האָט מען בלויז אין זינען די טייערע, וועלכע מען איז מזכיר — זאָג איך איצט יזכור ביחידות ביים שרייבן אָט די שורות אַן דעם פולן סטעמפּל פון אַ רעצענזעט.

איך האָב לייענענדיק דעם בוך, געזען אַז דעם מחבר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען דורכצומאַכן דעם עטאַפּ פון אויסבאַהאַלטן זיך אין די גריבער, וועלדער און פעלדער, מיט־מאַרשירן אין די צוגן ביי אַן ערשטע און צווייטע אויסזידלונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער קהילה אויפן וועג קיין טרעבלינקע צו די קרעמאַטאָריומס און ווען שוין אַפילו אין דעם שנעל לויפענדן צוג אויף די רעלסן, געשפּרונגען פון אים. געראַטעוועט זיך איינער פון טויזנטער און וואוהין? — ווידער אין געטאָ און ווידער אַן אויסזידלונג און אָט איז ער דאָ איצט מיט אונדז צופאַרשרייבן און אויסדערציילן אַלץ, גלייך ווי דער גורל אַליין זאָל האָבן אַ האַנט געגומען און באַשטימט אים פאַר דעם צוועק, כדי מיר און די דורות נאָך אונדז, זאָלן עס נישט פאַרגעסן און קיינמאָל נישט מוחל זיין.

ווי אַן אָנגעצונדענע פּאַנאָראַמע אַזוי ציט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ לענטע, אויף וועלכער מען זעט געשטאַלטן און גלידער, וועלכע צאַפּלען און

קאַרטשן זיך קאָנוואולסיוו און אַלץ איז אויסגעמישט אין אַ באַוועגלעכע קנויל פון צעריסן פליייש, ביין, פייער, מאַרך, רויך, טרערן און בלוט. מיר זעען זיי, די אויסגעקרימטע פנים׳ער, הוילע אויגן־לעכער ווי די ברונימער טיפע, וועלכע שטאַרן אינם חלל אַריין מיט דעם פראַגע־צייכן — פאַרוואָס ?! מיר זעען זיי, די געפייניקטע געמיטער פאַרשטעקטע ווי די ראַטן אין די שמוציקע לעכער אין וועלכע זיי וואַרטן אַז מען זאָל זיי אויסגעפינען און פאַרענדיקן. אַנדערע זיצן מידע און רעזיגנירטע און ווילן זיך מער נישט אויסבאַהאַלטן. זיי זיצן פאַרשטיינערט ווי סטאַטועס און וואַרטן אַז די אויפלעזונג זאָל שוין קומען וואָס שנעלער און דערמיט ברענגען... „דערלייזונג..."

איך לייען דעם בוך און שטוין איבער דעם אימפעט, סטיל און פשטות און ווי אַלץ וויברירט און זידט, אַז דער אָטעם ווערט ממש פאַרכאַפּט און ווי קינסטלעריש עס געלינגט אָפּט דעם מחבר צונויפצונעמען סקיצן, שטיקלעך און ברעקלעך פון געשייענישן און פאַרגאַנגען אין בילד נאָכן צווייטן מיט אַזוי פיל פּאַטאָס, מיט אַזויפיל איבערמענטשלעך־מענטשלעכס, וועלכעס, הגם עס שאָקירט אַביסל, איז עס אָבער אַ טייל פון דעם, וואָס העלפט צו דער גאַנצקייט אַן וועלכן די גרויסע קאַנווע וואָלט זיכער געבליבן אַ בלויז טייל־ווייז־געדעקטע ; — צוריק־גערעדט : ווען זיי דאַרטן האָבן עס געקאָנט איבער־לעבן, מעגן מיר עס כאָטש וויסן און געדענקען און אויב אויף אונדזערע אָרעמס זיינען נישטאָ קיין שאַנד־נומערן, זאָלן מיר עס דערפאַר אַלץ איינקריצן אין אונדזער זכרון און אין די הערצער מיט דעם גאַנצן פייער פון אונדזער וועזן און זאָל עס דאָרטן ברענען און טליען ביז דער סאַמער ענדע פון צייט, וועלט און מענטש !

פאַראַנען צווישן אונדז : אַפּאַטיקער, „עסטעטן", פלעגמאַטן און סתם פוילע אַנשיקענישן און פאַרשלעפטע קרענק, וועלכע האַלטן אַז ס׳איז צו פרי צו רעדן דערוועגן, דרוקן ביכער, שרייבן לידער און פּאָעמען א.א.ז. און אַז „שטאַרק" און „גרויס" איז דער, וועלכער קאָן איצט שווייגן שטיל און לאָזן עס אַלץ פאַר דעם היסטאָריקער פון מאָרגן, אַז ער, זאָל עס שוין דערזינגען און דער־זאָגן — סטייטש, ער וועט דאָך האָבן דעם ריכטיקן פּערספּעקטיוו...

ווי פּיינלעך קליין אָט די גרויסע קוקן אויס מיט זייער שטיל שווייגן און אין דער שווייגעניש, ווערן אַזוי „שטאַרק" און באַוואונדערט.

ווי נעבעכדיק שוואַך אָט די „שטאַרקע" קוקן אויס ביי דער זייט פון די האַרנס און די פייגנבוימס און ווי נישטיק אַפּאַטיק זיי מוזן נעבעך זיין צוליב זייער אייגענער אונבאַהאָלפנקייט און אַפּאַטיע צו אַלץ און אַלעמען וואָס רירט זיי נישט אָן, אַז ס׳איז ממש אַביטערער רחמנות אויף זיי און אַ גרויסע שאַנדע צו אונדז.

וועט דער מאָרגנדיקער ציפער־שרייבער מיט אַלע זיינע פּערספּעקטיוון און כוונות קאָנען איבערגעבן אין אָט אַזעלכע שורות דעם פּולס און צאַפּל פון אַ גאַנצע קהילה וואָס האָלט פאַר אַן אויסוידלונג אויפן וועג צו די קרעמאַ־טאָריום׳ס ?:



שעהן לויפן. די לעצטע צוגרייטונגען צום באַהאַלטן זיך ווערן דורך די אידן געמאַכט און אַז ס׳איז יום־טוב האָט מען פאַרגעסן"...

ווייטער—פון אונדזער האַלטונג, שטויסט זיך אָן די מאַמע אַז איר בלוט און פליייש איז פאַרלאָרן, זי פרעגט נישט מער, נאָר וויינט אָן אויפהער, ביז עס פעלט איר טרערן. זי זיצט איינגענורעט און די אויגן קוקן פאַרשטאַרט...

ווייטער—די גאַסן פון געטאָ זיינען שוין פּוסט. אַ טויטע שטילקייט איז אויס־געגאָסן אומעטום...

מער קאָמענטאַרן דעריבער איז נישט נויטיק.

און דער מאַרש פון די קדושים האָט זיך אָנגעהויבן און אַלץ מיט אַנאַנ־דער איז געלאָזן געוואָרן אין באַוועגונג : די קאַלבעס פון די ביקסן האָבן געשפּאָלטן קעפּ. באַגנעטן האָבן געשטאָכן און פליענדיקע קוילן וואו נאָר זיי האָבן געטראָפן און אַז מען איז דורך שוואַכקייט אָפּגעשטאַנען פון דער עדה, אָדער מען איז געפאַלן, דאַן אַ קויל אין קאַרק און שאַ. געווען אַ מענטש און איז נישט געוואָרן.

ווען און שליאַכן האָבן נאָך זיך געלאָזן שליאַדן פון בלוט און צעשפּריצטן מאַרך אויף דעם אַספאַלט און אויף די מויערן און ווענט. און אַז „פרייע" פּאָ־ליאַקן זיינען פאַרביי, ווען דער מאַרטירער־צוג האָט זיך געצויגן אויפן וועג צום „וואַגזאַל" איינצושטייגן אין די וואַגאָנען, האָבן זיך די מער „עמפּינדלעכע" אָפּגעקערט מיט די קעפּ און די אַנדערע מער צום כאַראַקטער זייערן, האָבן ציניש געשמייכלט און צוגעוואָרפן ווערטער פון שפּאָט און ביטול און שפּעטער־צו געוואָרפן זיך ווי די הינגעריקע הינט אויף דעם פאַרבליבענעם יידישן האָב־און גוטס, פאַר זייער גלייכן חלק רויב.

אַזוי גייט דער גאַנצער בוך פון טאָוול צו טאָוול. דאָ און דאָרטן אַ רייך־מענטשלעכע דערהויבנקייט פון אַ קריסט און אין פּאַראַלעל דעגראַדאַציע און געזונקענקייט ביז דעם סאַמען דנאָ פון שאַנד און שמוץ צו וועלכן אַ פאָלק האָט געקאָנט זינקען.

צו אונדזער אייגענעם בראָך און שאַנד, געפינען מיר אויך אין דעם בוך פאַרצייכנט אָפּטועכצן און סתם שיקאַניעס פון אייגענע דעגענעראַטן. ווען דער דייטש האָט אויסגעבאָרגט פאַר זיין צוועק וועגן און שפּעטער־צו, אָפּגע־וואָרפן זיי ווי מען וואַרפט אָפּ טויטע קעץ און הינט ווען ער האָט זיי מער נישט געדאַרפט. מיט אַ קליינער אויסנאַם, — פאַראַנען גענוג אַזעלכע צווישן אונדז היינט צו טאָג, וועמען דער מזל האָט געגליקט און זיינען אַרויס גאַנצע און רייכע ביז גאָר...

אַזוי זאָל „פּאָדליאַשע אין אומקום" בלייבן פאַר אונדז און פאַר דור דורות אַלס אַ יזכור־בוך, וואָס זאָל האַלטן אין איין דערמאָנען, כדי אַז דער יידישער אומקום אין די „פּאָדליאַשע"ס, (ווייל אַזעלכע זיינען דאָך געווען גענוג) זאָל נישט האָבן געווען אומזיסט. —

ערע זייער אָנדענקען.

## הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

# משה פייגנבלום — דער קינסטלער אויף יידישע מאָטיוון

די פּאָסט האָט מיר די טעג געבראַכט אַ פיין בוך, אַ קונסט־אַלבום פונם יידישן מאָלער־קינסטלער משה פייגנבלום אין אַרגענטינע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער מוזיי־סעקציע ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין אַרגענטינע, בונעאָס־איירעס, 1948, און האָט אַ פאָרוואָרט און אַריינפיר־וואָרט פון „ייוואָ" און פון פנחס ביזבערג.

שוין ביים אויפמאַכן דאָס בוך איז עס אַנדערש פון אַלע אַנדערע ביכער. עס איז נישט אַ בוך וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביים לייענען, דאָס איז אַ בוך וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג. אינם גאַנצן בוך, אינם קונסט־אַלבום זענען פאַראַן 20 רעפּראָדוקציעס פון משה פייגנבלומס אייל־בילדער, וואָס דער קונסט־מאָלער האָט זיי געמאָלן אין די יאָרן 1921־1948, ווי אויך אַן אויטאָ־פּאָרטרעט.

יעדעס בילד פייגנבלומס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטיק יידיש לעבן, יידיש לעבן פון יאָרהונדערטער, פון דורות אַלטער גענעראַציע. יידיש לעבן וואָס איז שוין נישטאָ מער. יידישע טראַדיציעס פון אַמאָל אין די אַלטע יידישע היימען, וואָס זענען דורך די בלוטיקע היטלער־מערדער אָפּגעוויסט און פאַרניכטעט געוואָרן.

משה פייגענבלום איז אָן ספק אַ גרויסער קינסטלער, זיינע בילדער אויף יידישע מאָטיוון, זאָגן עס אָן. זיינע פרומע יידן, זיין שטיל־לעבן און שבת־יום־טוב׳דיקייט קומען אַרויס אַזוי רעאַליסטיש, רעאַלע ווירקלעכקייט, אָן איבערגעטריבנקייט, אַזוי ווי מיר האָבן זיי געזען אינם לעבן אין די היימישע שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים.

אינם פאָרוואָרט פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ווערט געזאָגט:

„מיט דעם אַלבום פון משה פייגענבלום׳ס בילדער אויף יידישע מאָטיוון — דער ערשטער אַלבום וואָס דער מוזיי פון אַרגענטינער ייוואָ גיט אַרויס — איז דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אויסן אויסצואיידלען דעם חוש פאַר יידישער קונסט און פאַרטיפן דעם אינטערעס פאַר יידישן לעבן־שטייגער".

זיין בילד „ערב־שבת" מיטן געגרייטן טיש, מיט די מעשענע בלאַנקענדע לייכטער, ווייַן און כוס, דער אָפענער סידור, די צוגעדעקטע חלות, דער שבת׳דיקער טיש־טוך מיטן „לקראת שבת׳דיקן ניגון. דער אַרום דאָ, אַלץ, שמעקט מיט היימישקייט, מיט יענער טראַדיציע מיט וועלכער דער קינסטלער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. דאָס צווייטע בילד „ביים לערנען", גיט פייגענבלום דעם ריכטיקן טיפּ ייד, וואָס זיצט איבערן אָפענעם ספר. דאָס איז אַ ייד מיט אַ דורכדרינגלעכן אומעטיקן בליק, וואָס צילט אין דער יידישער נשמה און רופט אַרויס בענקשאַפט און טרויער. דאָס איז אַ בילד פון אַ יידן, וואָס מיר האָבן אים נאָר געזען אין דער אַלטער היים. און פייגנבלומס קינסטלערישער פּענדזיל האָט אים פאַראייביקט פאַר אונז.



די בילדער „חצות", „יום־כפור ביינאַכט", „אויף דער עלטער", „אַ קאָפּ פון אַ פּוילישן ייד", „אַ קאָפּ פון אַ זקן" און „אַ תהלים ייד", זענען בילדער פון דער גראָער עלטער און פאַרשוואונדענער גענעראַציע, פון אונזער עבר אין דער אַלטער היים. אין יענע בילדער ווייזט משה פייגענבלום אַרויס זיין קינסטלערישע רייפקייט, זיין שטאַרקן חוש און באַגאַבטקייט אין זיינע שאַפונגען.

באַזונדערס צייכענען זיך אויס זיינע בילדער „חנוכה" און „שבת־אויבס". אין אָט די בילדער וואָס געהערן צו דער סעריע „שטיל־לעבן" — פּייזאַזשן, דערזען מיר פאַר זיך אַ שטיק לעבן, אַ לעבן וואָס איז נאָענט יעדן איינעם פון אונזער דור. מיר דערזען דעם היימישן חנוכה פון אַמאָל. דעם חנוכה־לייכטער, דעם טיש מיטן אָפענעם ספר, די לאַטקעס, דעם דריידל, די קאָרטן, דעם ווייַן — און אפילו די ווינטערדיקע היימישע שטימונג דערפילן מיר אין יענעם בילד. דאָס בילד „שבת־אויבס", שמעקט מיט זומער, מיט פירות, מיטן שבת׳דיקן טיש, מיטן שווערן גראָבן קרבן־מנחה סידור, מיט די שבת׳דיקע אויסגעקילטע מעשענע לייכטער, מיט פרישע פּרוכטן, עפּל, באַרן — און אין מיט די ברייט צועפענטער צאינה וראינה, וואָס פייגענבלום דער קינסטלער, גיט עס איך אַזוי רעאַל און אַזוי פּשוט, אַז עס דאַכט זיך, מיר דערהערן יענע פרומע געבעטן פון מאַמעס און באָבעס.

די בילדער „טלאָמאַצקער סינאַגאָגע", אַן עמוד ערב יום כפור", „אַן אתרוג", אַ „מנורה", „טעמפּל־ליטעראַטור", „דער ארון קודש" און „ספרים און מגילות" זענען בילדער וואָס האָבן צוטאָן מיט יידישע רעליגיע און טראַדיציע, משה פייגענבלום האָט זיי ריכטיק מיט זיין קינסטלעריש אויג אויפגענומען און מיט זיין קינסטלערישן פּענדזיל געמאָלן. דער קינסטלער פירט אונז דורך זיינע בילדער אַריין אין יענער סביבה, די היימישע אידיליע און הייליקייט, וואָס רופט אַרויס בענקשאַפט און אומעט.

כמעט אין אַלע פייגענבלומס מאָלערייען, מערקט זיך אַ גרויסער יראת הכבוד פונם קינסטלער צו די יידישע הייליקייטן, וואָס ווערן דורך אים באַזונדערס פאַרהייליקט. זיינע יידישע מאָטיוון, דאָס יידישע פרומע לעבן, די שבת־יום־טוב׳דיקע טישן און שטובן, יענע שטימונגען ברענגט פייגענבלום אויף זיינע לייוונטן מיט אַ פּאָעטישן קינסטלערישן אויסדרוק.

פייגענבלומס סוזשעטן און קאָמפּאָזיציעס, זענען יעדע פון זיי לייכט צו־באַנעמען, מען דאַרף צופיל אין זיי נישט אַריינדרינגען און טראַכטן, אַ קליינער אונטערשריפט אונטער יעדער זיין אַרבעט — און מען דערזעט גלייך פאַר זיך דאָס, וואָס דער קינסטלער וויל און צילט. יעדעס בילד פייגענבלומס איז אַ שטילע דערציילונג, אַ דערציילונג אָן ווערטער וואָס דערציילט פיל. אין זיינע בילדער „שטיל־לעבן" פילט זיך די היימישקייט, די היימישע סביבה און טראַדיציע און אין די בילדער פון די היימישע יידן און זקנים, פילט זיך דער היימישער צער, דער יידישער צער און אומעט, וואָס דער קינסטלער האָט אים אויף זיינע לייוונטן פאַראייביקט מיטן געהעריקן אויסדרוק און געפיל.

משה פייגענבלום האָט אָנגעהויבן זיינע ערשטע טריט שטעלן אין דער מאַלעריי־קונסט נאָך אין פוילן, אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע — און איז אויף דער אַרגענטינער ערד געוואָרן רייף. דורכשלאָגנדיק זיך צו זיין קינסטלערישער דערגרייכונג, צו וועלכער ער ווייזט אַרויס פיל ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש. משה פייגענבלום איז אַ פיל צוזאָגנדער טאַלאַנט.

---

## לוציע שטיינמעץ-מייזעלס

### די געשיכטע פון יידישער קונסט פון העלענע ראַזענאַו

עס איז איצט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בוך וועגן יידישער קונסט, וואָס דערמאָנט אונדז אונדזער פאַרגאַנגענהייט. פירט אונדז אין די צוקונפט און שטעלט לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן דעם יידישע גייסט אין אַ גאַנצער ריי בילדער. לעזנדיק דאָס בוך פאַרגעסט מען וועגן די טאָג־טעגליכע שוועריקייטן, אין די טראַגישע איבערלעבונגען פון אונדזער פאָלק. דאָס בוך ווייזט אונז די אייביקייט פון גייסט אין אַלע קינסטלערישע פאַרמען. העלענע ראָזענע האָט אָפּגעגעבן איר לעבן דער וויסנשאַפט און קונסט. ראָזענע האָט דורכגעריזט אייראָפּע, אַמעריקע, ישראל, עגיפּטן און סיריע גייענדיק לויטן שפּור פון אונדזערע אַלטע, הייליקע בתי מדרשים. איר בוך איז אַ פּראָדוקט פון יאָרלאַנג שטודיען און איז אין דער זעלבער צייט אינטערעסאַנט פאַר אַ לאַיער און אַ געלערנטן. אין בוך ווערט אינטערגעשטראָכן די אינטערנאַציאָנאַלע שטריכן פון יידישן לעבן און די אוניווערסאַלע באַדייטונג פון דער יידישער קונסט. דער ווערט פון בוך איז געוואָרן ספּעציעל אָפּגעשאַצט אין דעם פאָרוואָרט פון קאַנסילאַר ביבליאָטעקן און מוזעאומס מר. ע. קאַרטער, ווען מען קוקט אָן די יידישע קונסט ווערק פון ה. ר. ביז צו דער פאַרגאַנגענהייט ענטפּלעקט זיך די שעפערישע קראַפט פון דעם יידישן פאָלק, ווי אויך פון דער אויטאָרין. די מחבר׳ין באַמיט זיך צו געבן אונדז אַ גאַנצקייט, ברענגענדיק פאַר אונדז אַ געשיכטע פון טיפן, וועלכע ענטהאַלטן אין זיך די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. די בילדער אילוסטרירן די צעשטערטע יידישע קונסט־דענקמאָלס אין אייראָפּע. דער טעקסט גיט אונדז אַ בילד פון אונדזער געשיכטע און שפּיגלט אָפּ די שעפערישע קראַפט פון אונדזער פאָלק.


*READ* the ZIONIST REVIEW

*for Reliable Information on Palestine*

4d. per copy £1. 1. per annum.

75 Great Russell Street, W.C.1




## יחזקאל נח ערליכמאַן

### אַ חסידישער טרונק בראָנפן

(פון חסידישן פאָלקלאָר)

ס׳האָט געטראָפן, אַז חסידים האָבן אַ רב אָפּגעענטפערט מיט אַ תורה־ווערטל, וואָס ער האָט זיך מודה געווען, אַז עס איז טיף און שאַרף אַריין געזאָגט.

דאָס איז געווען ווען אַ רב איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ וואָכנדיקן פרימאָרגן און האָט זיך צו געקוקט ווי די חסידים דאַווענען מיט רעש און געפילדער, ווי זיי קאָנען נישט רואיק איינזיצן, און לויפן הין און צוריק, עס האָט געמאַכט אויף אים נישט קיין גוטן איינדרוק.

אָבער אַממערסטן איז אים געווען דערווידער, ווען באַלד נאָכן דאַווענען, זיי האָבן נאָך נישט רעכט צוזאַמענגעלייגט דעם טלית און תפילין און דער שמש האָט שוין אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל בראָנפן מיט פאַרביי־סאַכטס.

ער האָט צוגערופן דעם גבאי, און זאָגט צו אים מיט אַ פאַרוואורף, ביי אונז מתנגדים פירט מען זיך פיל מער אָנשטענדיקער ווי ביי אייך. דאָס דאַווענען גייט צו שטיל, בנעימותדיק. יעדער זיצט זיך אויף זיין אָרט. מיט דרך ארץ און נאָכן דאַווענען זעצן זיך אַלע מתפללים ביים טיש, און לערנען אַ פּרק משניות.

אָבער וואָס זעט מען דאָ ביי אייך חסידים! דאָס דאַווענען גייט צו מיט רעש און מיט אַ קלאַפּן מיט די הענט און אַרום לויפן איבער דעם שטיבל, און ווען עטץ האָט נאָך נישט ריכטיק געענדיקט נעמט עטץ ענק שוין צו די כוסה!

הערט זיך איין חשובער רב — ענטפערט אים דער גבאי. איר קאָנט און דאַרפט זיך האַלטן ביי אייערע מנהגים, אָבער איך וועל אייך באַלד ערקלערן, און איר וועט איינזען אַז מיר חסידים האָבן אויך רעכט. דאָס ערשטע וואָס איר זאָגט, אַז דאָס דאַווענען ביי חסידים איז מיט קולות און מיט געפילדער, און עס איז לויט אייער מיינונג נישט מיט דרך ארץ, דאָס איז ווייל חסידים, ווען זיי קומען אריין אין התלהבות פילן זיי זיך היימיש מיט דעם רבש״ע „בנים אתם לד׳ אלקיכם״. און יעדער איינער ווייסט, אַז אין אַ היים קאָן מען נישט זיין שטייף אָנגעצויגן מיט אַ שטרענגע דיסציפּלין, אַזוי ווי ווען מען איז אין אַ פרעמד הויז.

און וועגן וואָס איר גרויסט זיך, מיט דעם, וואָס איר לערנט משניות נאָכן דאַווענען, און מיר טרינקען בראָנפן, דאָס איז ריכטיק פוןביידע זייטן; דען עס איז דאָך באַוואוסט, אַז פון יעדע תפילה ווערט באַשאַפן אַ מלאך, מילא, עטץ דאַוונט טאַקע שטיל, בנעימות אָנשטענדיק, אָבער עס איז אָן לעבן, ווערט דערפון באַשאַפן אַ טויטער מלאך. און נאָך אַ טויטן קומט צו לערנען אַ פּרק משניות. דאַגעגן מיר חסידים דאַווענען מיט אַ ברען, מיט עקסטאַז, ווערט פון די תפילה באַשאַפן אַ לעבעדיקער מלאך און אַז אַלעבעדיקער, מעג ער זיין

א מלאך דארף ער אלץ א טרונק בראנפן.

דער רב, דער מתנגד, האט מודה געווען אז עס איז גאר גוט אריינגע־זאגט, און האט נאך צוגעגעבן מיט א באהאלטענעם שטאך, אז דאס איז פאר אים א ווארנונג, אז כאטש מען קאן גוט אדורכקומען מיט די פסקי תוספות, אדער מיט די פסקי הרא"ש, מוז מען זיך אבער גוט היטן פאר די „פסקי־(פיסקעס) חסידים. . . .

## „ער זאל לעבן"

אין די חסידים שטיבלעך איז געווען א געוויינליכער מנהג: אז ווען זיי האבן געזאגט א תורה פון זייער רבין, אדער פארציילט פון אים א מעשה, איז נישט בלויז וואס זיי האבן אים נישט גערופן ביי זיין נאמען — וואס דאס איז דאך אסור על פי דין — נאר אפילו דאסווארט „רבי" האבן זיי אויך נישט געזאגט. זיי האבן זיך באנוצט מיט די ווערטער „ער זאל לעבן" האט געזאגט, אדער האט פארלאנגט.

אין די אייגענע שטיבלעך, האבן די קעסט יונגעלייט געלערנט מיט בחורים וואס דאס געוויינטליכע חדר איז שוין געווען צו קליין פאר זיי.

איז דארט אריינגעקומען א בחורל פון א יאר 13, וואס איז נאך נישט געווען באקאנט מיט די שטיבל מנהגים, איז אים געווארן אויפפאלנד, ווען ער האט געהערט זער אפט, ווי די חסידים רעדן צווישן זיך, און דערמאנען „ער זאל לעבן". ער האט נישט געוואוסט וועמען זיי מיינען דער מיט, און האט זיך געשעמט צו פרעגן, ווייל ער האט באמערקט אז די אנדערע בחורים ווייסן יא וועמען מען מיינט, ווארים זיי אליין האבן אויך טייל מאל געזאגט „ער זאל לעבן".

ביי נאכט ווען דער פאטער האט אים געפרעגט ווי דאס לערנען גייט צו אין שטיבל, אן צו ער איז צופרידן, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פרעגן דעם פאטער ,וועמען זיי מיינען מיט דעם „ער זאל לעבן". דער פאטער האט אים ערקלערט, אז דאס מיינט מען דעם רבין. ער האט אים איינאיינוועגס פארציילט אביסל פון רבינס גרויסקייט, און האט אים צוגעזאגט, אז אויב ער וועט לערנען מיט התמדה וועט ער אים מיט נעמען אויף יום טוב צום רבין.

אויף שבועות ווען דער פאטער איז געפארן צום רבין, האט ער מיט־גענומען דעם בחורל. און ווען זיי זענען אריינגעקומען אין בית המדרש צום שלום נעמען, האט דער בחור געזען, ווי א יונגערמאן, מיט א שיין בלאנד בערדל אין א שטריימל מיט לאנגע פאות, און א לאנגער לולקע־ציבעק דרייט זיך ארויף און אראפ מיט גרויס חשיבות (עס איז געווען דער עלטסטער זון פון רבין, דער יורש עצר) פרעגט ער דעם פאטער, טאטע, איז דאס „ער זאל לעבן" ?

ניין, זאגט צו אים דער פאטער, היינט איז ער נאר „ער זאל געזונט זיין"... נאר — האט אים דער פאטער ווייטער ערקלערט — ווען „ער זאל לעבן" וועט זיין „ער זכרונו לברכה" אה! דאמאלס וועט „ער זאל געזונט זיין" ווערן „ער זאל לעבן". . . .



## די נאציאנאלע קאנפערענץ פון יידישן וועלט-קאנגרעס

אויף דער נאציאנאלער קאנפערענץ פון יידישן וועלט־קאנגרעס (בריטישע סעקציע), דעם 16־טן יאנואר, 1949, איז ווען דעם פארשאפטן קריזיס אין די באציאונגען צווישן גרויס־בריטאניען און ישראל, געווארן אנגענומען די דאזיקע רעזאלוציע:

„די הייניקע קאנפערענץ פון ייד. וועלט קאנגרעס האלט, אז גוטער ווילן און פריינטשאפט צווישן גרויס־בריטאניען און ישראל איז א נויטווענדיקייט כדי איינצושטעלן סטאביליטעט און שלום און פאר דער אנטוויקלונג פון דעם וואוילזיין פון מיטלן־מזרח". „די אומפארמיטלבארע באזע פאר אזעלכע גוטע באציאונגען", זאגט ווייטער די רעזאלוציע, „איז די אויסגעשפראכענע און לאיאלע אננעמונג פון אלע נאציאנען די דעציזיע פון דער אלגעמיינער פאר־פארזאמלונג פון „יונא", וואס שליסט במילא איין די ארקענונג ביי אלע פעלקער די מדינת ישראל אין די גרעניצן, וועלכע זיינען אנגעצייכנט געווארן דעם 29־טן נאוועמבער, 1947, מיט די אויסבעסערונגען, וועלכע וועלן זיין אנגענעמבאר פאר ישראל".

פארטראגנדיק די רעזאלוציע, האט מר. סידנעי סילווערמאן, מ.פ., דער פארזיצער פון יידישן וועלט קאנגרעס (בריטישע סעקציע), גע'עצה'ט דער נאציאנאלער קאנפערענץ, אז מען זאל זיך דערווייל אפהאלטן פון באוונצן זיך דא מיט שארפע ווערטער און אויסדריקן, וועלכע וואלט אפשר באפרידיקט די געפילן, אבער, עס וועט נישט ברענגען קיין גרויסע נוצן דער לאגע.

מר. א. ל. איסטערמאן (פאליטישער סעקרעטאר פון יי.וו.ק.), וועלכער האט פארגעלעזן די פאליטישע רעזאלוציע האט אונטערגעשטראכן, אז דאס יידישע פאלק איז נים מער דאס וואס ער איז געווען ביז יעצט, א צייללאזער וואנדערער. דאס יידישע פאלק האט געפונען זיין פלאץ אין דער פאמיליע פון פעלקער. די מדינה פון ישראל עקזיסטירט. „מיר זיינען היינט נישט מער א פאלק פון געטאס". זאגט מר. איסטערמאן, דער שווארצער שווערער לעבן פון די געטא־יידן געהערט שוין היינט צו דער פארגאנגענהייט. א נייע יידישע מאראל און גייסט האט זיך ביסלעכווייז אנטוויקלט זינט די ביטערע טעג פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד ביז אונזער הייניקן קאמף פאר דער אויס־האלטונג פון א יידישער מדינה אין ישראל.

ד"ר ל. זאלמאנאוויטש, גענעראל־סעקרעטאר פון דער בריטישער סעקציע, דערקלערט, אז א גרויסער פארשריט איז געמאכט געווארן זינט דער לעצטער נאציאנאלער קאנפערענץ, 7 נייע אפטיילונגען זיינען בעגרינדעט געווארן אין לאנדאן אליין, און 20 סניפים אין דער פראווינץ.

מר. סילווערמאנס רוף צו דער „באורד אף דעפוטיס פון בריטישע יידן" אנ־צושליסן זיך אין יידישן וועלט קאנגרעס, איז געווארן אונטערגעשטיצט פון פיל רעדנער אין דער דעבאטע.

ליידי רעדינג, פרעזידענטין פון דער בריטישער סעקציע, האט בעקענטערט אין דער דעבאטע, זי האפט, אז די קא־אפעראציע פון אלע יידישע ארגאניזא־

[illegible]

## רעדאַקציע-נאָטיץ

[illegible]

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

[illegible]



זונטאג 13-טן פעברואר 6.30 אוונט אין ארבעטער-רינג

פריינט פון יידיש לשון

צענטן יאָרטאָג פון לשון און לעבן

[illegible]

„אין זכות פון די מענטשן" 3/6

„אין חדר אריין" 5/-

פון

משה עובד

MOSHE OVED, 36, Museum Street, London, W.C.1

שוין דערשינען

„דאָס בוך פון לעצטערונגען"

[illegible]

פרייז 10 שילינג

[illegible]

[illegible]

# לשון און לעבן


תודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 3 (העפט 110) צענטער יארגאנג מערץ 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


**אינהאלט:**


1 מאסקעס (לכבוד פורים תש״ט) ........... **

4 דער אלטער בוים (פראלאג) ........ רחל דן יחיא

7 זאג מיר אהביאל (פאעמע) ........ משה עובד

9 זמרי (דערציילונג) ........ עבר הדני

15 די גרויסע יידישע רעוואלוציע (עסיי) ........ לעא קעניג

19 א גאט. נאך וואס האסט דו א הארץ מיר געגעבן? (ליד) .. שמואל וויהט

20 היינריך גרעטץ און די יידישע געשיכטשרייבונג .. פראפ. ד״ר משה שאר

26 שאול טשערניכאווסקי (עסיי) ........ שלמה אויערבאך

32 אליעזר בן-יהודה דער פיאנער פון העברעאיש אין ארץ ישראל צום 25-יאריקן יארצייט ........ מתתיהו פאפירמייסטער

35 שלהמנות אין א קליין טעלערל (צוויי צייט סאטירעס) .... א. נ. שטענצל

39 רב כדת און רב מטעם (לכבוד פורים. פאלקלאר) .. יחזקאל נח ערליכמאן

41 א לעיעלעס דער דיכטער און דראמאטורג (60 יובילעום) זכריה הערשמאן

43 בן-א סאבאטשעווסקי צום 60 יובל (צייכנונג) .. מאריס סאבאטשעווסקי

14 מיין טאטע דער סופר און אנדערע פאעמעס (רעצענזיע) .. י. ש. טויבש

50 יוסף הלל לעווי (צייכנונג) ........ ריכארד אדלער

51 „דער משפט“ פון מאריס קאץ (נאטיץ) ........ פראפ. א. א. ראבאק

51 ........ מאריס סאבאטשעווסקי צייכנונג ........

52 אויף די פרישע קברים פון מנחם באריישע און ז. סעגאלאוויטש פאר חוה ראזענפארב, צו איר באזוך אצינד אין לאנדאן ........ ש.

56 ל. האכשטיינס באגריסונג צום צענטן יארגאנג פון לשון און לעבן ......

57 איסט און וועסט (א לאנדאנער באלאדע) ........ ל. האכשטיין

59 אלטיטשקע מיליאנסקעס (א פורים עפיזאד) ........ מארקס כהן

61 מעשה „לאמפעדוסא“ (אן ענטפער) ........ א. וואטערמאן

63 קלארא מייזעלס אין טעלעוויזיע (פאנא און נאטיץ) ........ א. זאלקא...ער

64 רעדאקציע נאטיץ ........

64 די יידישע ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס ........


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענס**

אבאנענטס-פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער


**אדרעס פון רעדאקציע**

„לשון און לעבן“, נאראד-פרעס. 129-131 קאוועל סטריט. לאנדאן א. 1.



## „די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון
**מאריס מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

## ירושלים

לידער פאעמעס באלאדעס

א בוך .פון 140 זייטן

פון
**א. נ. שטענצל**

צו באקומען
אין אלע בוכהאנדלונגען
אין ווייטשעפל

פרייז: 7 שילינג און 6 פענס

**פראפאגאנדע-קאמיטעט**
פון דעם
**ארבעטער-רינג**
22, עלי סטריט, אלדגיט, א.1.
יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע
**רעפעראטן לעקציעס**
איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטערארישע און אלגעמיינע ענינים
ווענן אלע אינטערעסירטע זיך צו ווענדן
צום גענעראל-סעקרעטאר:
**ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג**

די סוף-חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן-אורי“
זונטיק 27-טן פעברואר 8 אוונט
**אין לאקאל פון**
**„בן-אורי“ קונסט גאלעריע**
**14 פארטמען סטריט וו.1.**
**יידיש - היסטארישער ראמאן**
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטאציעס און רעדעס:
משה עובד, איזיק גאלדבערג, י. ביעטש
אליהו פאלושאק.
ארייננפיר ווארט — א. נ. שטענצל
**איינטריט פריי פאר מיטגלידער!**
**1 שילינג פאר נישט מיטגלידער**
**זיסע טיי און צובייסן**



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*